# אייראָפּעיִשע כאַרטיע פֿון רעגיאָנעלע שפּראַכן און שפּראַכן פֿון מינדערהייטן




דערקלערונג־באַריכט

סטראַסבורג, 5 נאָוועמבער 1992

Рамачная праграма супрацоўніцтва для Арменіі, Азербайджана, Грузіі, Рэспублікі Малдова, Украіны і Беларусі

**Programmatic Cooperation Framework for Armenia, Azerbaijan, Georgia, Republic of Moldova, Ukraine and Belarus**

Funded by the European Union and the Council of Europe

EUROPEAN UNION

COUNCIL OF EUROPE
CONSEIL DE L'EUROPE

Implemented by the Council of Europe

**European Union - Council of Europe Project "Promoting the Standards of the European Charter for Regional or Minority Languages in Belarus"**

# רעגיאָנעלע אייראָפּעיִשע כאַרטיע פֿון שפּראַכן פֿון מינדערהייטן שפּראַכן און

**פּרעאַמבולע**

מלוכות־מיטגלידער פֿונעם ראַט פֿון אייראָפּע, וואָס האָבן אונטערגעשריבן די דאָזיקע כאַרטיע,
נעמענדיק אין אַכט, אַז דער ציל פֿונעם ראַט פֿון אייראָפּע איז צו דערגרייכן גרויסע איינהייַטלעכקייט צווישן זייַנע מיטגלידער, בפֿרט פֿאַר אָפּצוהיטן און רעאַליזירן די אידעאַלן און פּרינציפּן, וועלכע שטעלן מיט זיך פֿאָר זייער אַלגעמיינע ירושה;

נעמענדיק אין אַכט, אַז די פֿאַרטיידיקונג פֿון היסטאָרישע רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן פֿון אייראָפּע, אַ טייל פֿון וועלכע געפֿינט זיך אין געפֿאַר פֿון מעגלעכן פֿאַרשווינדן, ווירקט מיט אויף דער שטיצע און אַנטוויקלונג פֿון דער קולטורעלער רייַכקייט און טראַדיציעס פֿון אייראָפּע;

נעמענדיק אין אַכט, אַז די רעכט אויף צו באַניצן זיך מיט אַ רעגיאָנעלע שפּראַך צי מיט דער שפּראַך פֿון מינדערהייט אין דעם פּריוואַטן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן איז דאָס אומאָפּנעמלעכע רעכט אין הסכּם מיט די פּריציפּן, וועלכע זענען פֿאַרפֿיקסירט אין דעם צווישנפֿעלקערלעכן פּאַקט פֿון בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט און אין גייַסט פֿון דער אייראָפּעיִשער קאָנווענציע פֿאַר צו פֿאַרטיידיקן די רעכטן פֿון מענטש און גרונט־פֿרייַהייטן;

נעמענדיק אין אַכט די דורכגעפֿירטע אַרבעט אין ראַמען פֿון **סבסע** *(CSCE)* און, בפֿרט, דעם **שלוסאַקט** פֿון כעלסענקי פֿאַר 1975 און דעם דאָקומענט פֿון **קאָפּענהאַגענער** באַראַטונג 1990 יאָר;

שטרייַכנדיק אונטער דעם באַטייַט פֿון קעגנזייַטיקער באַרייַכערונג פֿון קולטורן און שפּראַכלעכער פֿילאַרטיקייט, און נעמען דיך אין אַכט, אַז די פֿאַרטיידיקונג און אַנטוויקלונג פֿון רעגיאָנאַלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן טאָרן ניט פֿאַרווירקלעכט ווערן צום שאָדן פֿאַר די אָפֿיציעלע שפּראַכן און נויטווענדיקייט זיי צו לערנען;

באַנעמענדיק, אַז פֿאַרטיידיקונג און שטיצע פֿון רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן אין פֿאַרשיידענע לענדער און רעגיאָנען פֿון אייראָפּע שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ וויכטיקער בײַטראָג אויף צו בויען אייראָפּע, וועלכער באַזירט זיך אויף פּרינציפּן פֿון דעמאָקראַטיע און קולטורעלער פֿאַרשיידנאַרטקייט אין די ראַמען פֿון נאַציאָנאַלן סוווערניטעט און טעריטאָריאַלער גאַנצקייט;

נעמענדיקן אין אַכט די באַזונדערע באַדינגונגען און היסטאָרישע טראַדיציעס אין פֿאַרשיידענע רעגיאָנען פֿון אייראָפּעיִשע לענדער,

האָבן אײַנגעשטימט וועגן פֿאָלגנדיקן:

**טייל I – אַלגעמיינע תּקנות**

**אַרטיקל 1 – דעפֿיניציעס**

פֿאַר די צילן פֿון דער דאָזיקער **כאַרטיע**:

א) "רעגיאָנעלע שפּראַכן אָדער שפּראַכן פֿון מינדערהייטן" מיינט די שפּראַכן וועלכע:

I) ווערט טראַדיציאָנעל באַניצט אויף דער דאָזיקער טעריטאָריע פֿון לאַנד פֿון אײַנוווינער פֿון דעם לאַנד, וועלכע שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ גרופּע, אַ קלענערע לויטן צאָל פֿון דער איבעריקער באַפֿעלקערונג פֿון לאַנד; און
II) אונטערשיידן זיך פֿון דער אָפֿיציעלער שפּראַך (שפּראַכן) פֿון דעם דאָזיקן לאַנד;

זיי שליסן ניט אײַן אין זיך ניט די דיאַלעקטן פֿון דער אָפֿיציעלער שפּראַך (שפּראַכן) פֿון דעם דאָזיקן לאַנד, ניט די שפּראַכן פֿון מיגראַנטן;

ב) "טעריטאָריע אויף וועלכער עס ווערט באַניצט די רעגיאָנעלע שפּראַך צי די שפּראַך פֿון מינדערהייטן" הייסט אַ געאָגראַפֿישער ראַיאָן אין וועלכן די דערמאָנטע שפּראַך איז אַ מיטל פֿאַר קאָנטאַקט פֿון אַ טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג, וואָס איז אַ סיבה אויף אָנצונעמען פֿאַרשיידענע מיטלען כּדי צו פֿאַרטיידיקן און אַנטוויקלען די שפּראַך, וואָס איז פֿאַרויסגעזען מיט דער דאָזיקער **כאַרטיע**;

ג) "ניט קיין טעריטאָריאַלע" שפּראַכן מיינט שפּראַכן, וועלכע ווערן באַניצט פֿון די אײַנוווינער פֿון לאַנד, וואָס אַנטשיידן זיך פֿון דער שפּראַך צי שפּראַכן פֿון דער איבעריקער באַפֿעלקערונג פֿון לאַנד, נאָר וועלכע ניט קוקנדיק אויף טראַדיציאָנעלן באַניצן אויף דער טעריטאָריע פֿון לאַנד, קאָנען ניט ווערן פֿאַרבינדן מיט וועלכן־ניט־איז באַשטימטן ראַיאָן.

### אַרטיקל 2 – פֿאַרפֿליכטונגען

1. יעדער **צד** נעמט אויף זיך פֿאַרפֿליכטן באַניצן די תּקנות פֿון טייל II צו אַלע רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן אויף וועלכע מע רעדט אויף דער טעריטאָריע פֿון לאַנד און וועלכע שטימען מיט דער דיפֿיניציע, וואָס אַנטהאַלט זיך אין דעם אַרטיקל 1.

2. לויט דעם אַרטיקל 3 בנוגע יעדער שפּראַך אָנגעוויזינער בײַ דער ראַטיפֿיקאַציע, אויפֿנעמונג צי צושטימונג, יעדער **צד** נעמט אויף זיך פֿאַרפֿליכטן באַניצן ניט ווייניקער ווי פֿינף און דרײַסיק פּונקטן צי אונטערפּונקטן אָפּגעקליבענע פֿון תּקנות פֿון טייל III פֿון דער דאָזיקער כאַרטיע, אײַנשליסנדיק, לכל־הפּחות, צו דרײַ אָפּגעקליבענע פֿון אַרטיקלען 8 און 12, און איינציקווײַז אָפּגעקליבענע פֿון אַרטיקלען 9, 10, 11 און 13.

### אַרטיקל 3 – פּראַקטישע מיטלען

1. יעדער לאַנד, וואָס באַשליסט דעם אָפּמאַך באַשטימט אין איר דאָקומענט וועגן דער ראַטיפֿיקאַציע, אויפֿנעמונג צי צושטימונג יעדער רעגיאָנאַלע שפּראַך צי שפּראַך פֿון מינדערהייט צי אָפֿיציעלע שפּראַך וועלכע ווערט ניט אַזוי ברייט באַניצט אויף דער גאַנצער צי טייל פֿון זײַן טעריטאָריע צו וועלכע עס ווערן באַניצט די פּונקטן אָפּגעקליבענע לויט דעם פּונקט 2 פֿון אַרטיקל 2.

2. אַ באַליביקער **צד** קאָן אין אַ באַליביקער צײַט שפּעטער לאָזן צו וויסן דעם גענעראַל־סעקרעטאַר, אַז ער איז מסכּים מיט די פֿאַרפֿליכטן, וועלכע דרינגען אַרויס פֿון די תּקנות פֿון אַ באַליביקן אַנדערן פּונקט פֿון דער דאָזיקער **כאַרטיע ,** וועלכער איז ניט געווען אָנגעוויזן אין זײַן דאָקומענט וועגן ראַטיפֿיקאַציע, אויפֿנעמונג צי צושטימונג, צי וועגן דעם, אַז דער פּונקט 1 פֿון דעם דאָזיקן אַרטיקל וועט ווערן פֿון אים באַניצט צו אַנדערע רעגיאָנאַלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן צי צו אַנדערע אָפֿיציעלע שפּראַכן וועלכע ווערן ניט אַזוי ברייט באַניצט אויף דער גאַנצער צי אויף אַ טייל פֿון איר טעריטאָריע.

3. די פֿאַרפֿליכטן וועלכע זענען אָנגעוויזן אין דעם פֿריערדיקן פּונקט, ווערן באַטראַכט ווי אַן אָרגאַנישער טייל פֿון דער ראַטיפֿיקאַציע, אויפֿנעמונג צי צושטימונג און האַבן די זעלבע קראַפֿט פֿון דעם טאָג פֿון מיטטיילן וועגן דעם.

### אַרטיקל 4 – עקזיסטירנדיקע רעזשימען פֿון פֿאַרטיידיקונג

1. גאָרניט פֿון דער דאָזיקער **כאַרטיע** דאַרף ניט ווערן אויסגעטײַטשט ווי אַ באַגרענעצונג צי ווי אַ ברעכונג פֿון אַ וועלכן־ניט־איז רעכט, וואָס ווערן גאַראַנטירט פֿון דער אייראָפּעיִשער קאָנווענציע פֿאַר די רעכט פֿון מענטש.

2. די תּקנות פֿון דער דאָזיקער **כאַרטיע** מינערן ניט די מער גינסטיקע תּקנות, וועלכע האָבן שײַכות צום סטאַטוס פֿון רעגיאָנעלע שפּראַכן צי צו שפּראַכן פֿון מינדערהייטן צי דעם רעכטלעכן רעזשים בנוגע די מענטשן וועלכע געהערן צו מינדערהייטן, וואָס קאָנען עקזעסטירן בײַ װעלכן־ניט־איז **צד** צי זײַנען פֿאַרויסגעזען מיט געהעריקע צווייזײַטיקע צי פֿילזײַטיקע צווישנפֿעלקערלעכע אָפּמאַכן.

**אַרטיקל 5 – עקזיסטירנדיקע פֿאַרפֿליכטונגען**

גאָרניט פֿון דער דאָזיקער **כאַרטיע** קאָן ניט זײַן אויסגעטײַטשט ווי אַ מעגלעכע רעכט אויף אָנטייל צו נעמען אין אַ וועלכער־ניט־איז טעטיקייט צי פֿאַרווירקלעכן וואָסערע־ניט־איז מעשׂים, וועלכע זײַנען אין סתּירה מיט די צילן פֿונעם אוסטאַוו פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס צי מיט אַנדערע פֿאַרפֿליכטונגען לויט דעם צווישנפֿעלקערלעכן רעכט, אײַנשליסנדיק דעם פּרינציפּ פֿון סוווערעניטעט און טעריטאָריעלער גאַנצקייט פֿון לענדער.

**אַרטיקל 6 – אינפֿאָרמאַציע**

די **צדודים** נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן נאָכצושפּירן נאָך דעם, ווי די פֿאַראינטערעסירטע מאַכטן, אָרגאַניזאַציעס און פּערזאָנען זאָלן זײַן אינפֿאָרמירט וועגן די רעכט און פֿאַרפֿליכטונגען, וואָס זענען אײַנגעשטעלט מיט דער דאָזיקער **כאַרטיע**.

**טייל II – צילן און פּרינציפּן, וואָס ווערן פֿאַרפֿאָלגט לויטן פּונקט 1 פֿון אַרטיקל 2**

**אַרטיקל 7 – צילן און פּרינציפּן**

1. די **צדודים** פֿאַרווירקלעכן זייער פּאָליטיק, די געזעצלעכע און פּראַקטישע טעטיקייט בנוגע רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן, אויף די טעריטאָריעס, ווי אַזוינע שפּראַכן ווערן באַניצט און לויט דער לאַגע פֿון יעדערער שפּראַך, באַזירנדיק זיך אויף די פֿאָלגנדיקע צילן און פּרינציפּן:

א) אַנערקענונג די רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַן פֿון מינדערהייטן אַלס אַ קולטורעלער רײַכקייט;

ב) נעמען אין אַכט געאָגראַפֿישע ספֿערעס פֿון פֿאַרשפּרייטקייט פֿון יעדער רעגיאָנעלער שפּראַך צי שפּראַך פֿון מינדערהייט כּדי צו פֿאַרזיכערן, אַז די עקזיסטירנדיקע צי די נײַע אַדמיניסטראַטיווע אײַנטיילונג זאָל ניט שאַפֿן שטערונגען פֿאַר אַנטוויקלונג די דאָזיקע רעגיאָנעלע שפּראַך צי שפּראַך פֿון מינדערהייט;

ג) נויטווענדיקייט אין אַקטיווע מעשׂים אויף אונטערצוהאַלטן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן מיט דער ציל זיי צו פֿאַרהיטן;

ד) מעשׂים און/צי סטימולירונג די באַניצונג פֿון רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן אין מינדלעכן ריידן און אין שריפֿטלעכקייט, אין דעם געזעלשאַפֿלעכן און פּריוואַטן לעבן;

ה) פֿאַרהיטונג און אַנטוויקלונג פֿון פֿאַרבינדונגען, אין די ספֿערעס פֿון ווירקונג פֿון דער דאָזיקער **כאַרטיע**, צווישן גרופּעס, וואָס באַניצן זיך מיט רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן, און אַנדערע גרופּעס אין לאַנד, וווּ די שפּראַך ווערט באַניצט אין אידענטישער צי ענלעכער פֿאָרמע, און אויך איינשטעלונג פֿון קולטורעלע באַציִונגען מיט אַנדערע גרופּעס אין לאַנד, וואָס באַניצט אַנדערע שפּראַכן;

ו) באַזאָרגונג פֿון געהעריקע פֿאָרמעס און מיטלען פֿאַר אונטעררריכטן און דערלערנען רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן אויף אַלע געהעריקע שטאַפּלען;

ז) שאַפֿן באַדינגונגען, וועלכע געבן מעגלעכקייט די פּערזאָנען, וואָס רעדן ניט אויף דער רעגיאָנעלער שפּראַך צי דער שפּראַך פֿון מינדערהייטן און וווינענדיקע אין ראַיאָן, וווּ די שפּראַך ווערט באַנוצט, דערלערנען די שפּראַך, אויב זיי ווילן עס;

ח) מיטווירקונג אויף צו דערלערנען און פֿאָרשן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן אין אוניווערסיטעטן צי גלײַכווערטיקע לערן־אַנשטאַלטן;

ו) מיטווירקונג אויף צו אַנטוויקלען פֿאַרשיידענע פֿאָרמעס פֿון צווישננאַציאָנאַלע אויסטוישונגען אין די ספֿערעס, וואָס ווערן אַרומגעכאַפּט מיט דער דאָזיקער **כאַרטיע**, אין באַנוץ צו רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן, וואָס מע באַנוצט אין אידענטישער צי ענלעכער פֿאָרמע אין צוויי צי מערער לענדער.

2. די **צדודים** נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן באַזײַטיקן, אויב זיי האָבן עס נאָך ניט געטאָן, באַליביקע אומבאַרעכטיקטע אונטערשיידונגען, אויסנאַמען, באַגרענעצונגען צי להאָטעס, וואָס האָבן שײַכות צום באַניצונג פֿון רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן מיט דער ציל צו פֿאַרהאַלטן צי שטעלן אין אַ געפֿאַר איר פֿאַרהיטונג צי איר אַנטוויקלונג. אָננעמען ספּעציעלע מיטלען בנוגע רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן מיט דעם ציל צו דערגרייכן גלײַכבאַרעכטיקונג צווישן די פּערזאָנען, וועלכע באַניצן די דאָזיקע שפּראַכן, און דער איבעריקער באַפֿעלקערונג, צי וועלכע אויף אַ געהעריקו אויפֿן נעמען אין אַכט זייערע באַזונדערקייטן און ווערן ניט באַטראַכט ווי אַ טעטיקייט אין דער ריכטונג אויף דיסקרימינאַציע בנוגע פּערזאָנען, וואָס באַניצן מער פֿאַרשפּרייטע שפּראַכן.

3. די צדודים נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן אָנצונעמען געהעריקע מיטלען אויף קעגנזײַטיקער פֿאַרשטענדעניש צווישן שפּראַכלעכע גרופּעס פֿון לאַנד, בפֿרט, אײַנשליסן אין די אויפֿגאַבעס פֿון בילדונג און לימודים אין זייערע לענדער: אַכטונג, פֿאַרשטענדלעכקייט און געדולד בנוגע רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן און סטימולירן די מיטלען פֿון מאַסן־אינפֿאָרמאַציע אויף צו דערגרייכן די זעלבע צילן.

4. ווען עס ווערט באַשטימט די פּאָליטיק בנוגע רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן די **צדודים** נעמען אין אַכט די נויטן און האָפֿענונגען, וועלכע דריקן אויס פֿאַרשיידענע גרופּעס, וואָס באַניצן די דאָזיקע שפּראַכן. אין פֿאַלן פֿון נויטווענדיקייט די **צדודים** מיטווירקן אויף צו גרינדן אָרגאַנען, וועלכע וועלן מיטהילפֿן דער מאַכט אין אַלע פֿראַגעס, וואָס האָבן שײַכות צו רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן.

5. די **צדודים** נעמען אויף זיך די פֿאַרפֿליכטן אָנווענדן mutatis mutandis , פּרינציפּן, וואָס זענען איבערגערעכנט אין די פֿריערדיקע פּונקטן 1–4, צו ניט־טעריטאָריאַלע שפּראַכן. דאָך דער כאַראַקטער און דער מאַסשטאַב פֿון מיטלען, וואָס וועלן אויפֿגענומען פֿאַר צו רעאַליזירן די דאָזיקע **כאַרטיע**, בנוגע די דאָזיקע שפּראַכן דאַרפֿן באַשטימט ווערן צופּאַסעווודיק, נעמענדיק אין אַכט די נויטן און האָפֿענונגען און אָפּשאַצנדיק די טראַדיציעס און באַזונדערקייטן פֿון די גרופּעס, וועלכע באַניצן די געהעריקע שפּראַכן.

**טייל III – מיטלען, וואָס מיטווירקן אויף צו באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אין הסכּם מיט די פֿאַרפֿליכטן לויט דעם פּונקט 2 פֿון אַרטיקל 2**

**אַרטיקל 8 – בילדונג**

**1.** בנוגע בילדונג די **צדודים** נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן, אין די ראַמען פֿון טעריטאָריע, ווו עס ווערן באַניצט אַזוינע שפּראַכן לויט דער לאַגע פֿון די דאָזיקע שפּראַכן און אָן אַ שאָדן פֿאַר אונטערריכטן פֿון דער אָפֿיציעלער שפּראַך (שפּראַכן) פֿון לאַנד:

א) I) פֿאַרזיכערן צוגענגלעכקייט פֿון פֿאָרשול־בילדונג אויף געהעריקע רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן; צי

II) פֿאַרזאָרגן צוגענגלעכקייט פֿון אַ וועזנטלעכן טייל פֿון דעם פֿאָרשול־בילדונג אויף געהעריקע רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן; צי

III) צופּאַסן איינעם פֿון די מיטלען, וואָס איז פֿאָרויסגעזען אין די פֿריערדיקע פּונקטן I און II לכל־הפּחות צו יענע תּלמידים וועמענס פֿאַמיליעס ווילן עס און דער צאָל פֿון וועלכע איז גענוג פֿאַר דעם; צי

IV) מיטווירקן און/צי סטימולירן אויף אָנצונעמען מיטלען, וואָס ווערן דערמאָנט אין די פֿריערדיקע פּונקטן I-III, אויב די מלוכה־אָרגאַנען האָבן ניט קיין גלײַכע קאָמפּעטענץ אין די ספֿערעס פֿון פֿאָרשול־בילדונג;

ב) I) פֿאַרזאָרגן צוגענגלעכקייט פֿון אָנפֿאַנגלעכער־בילדונג אויף געהעריקע רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן; צי

II) פֿאַרזיכערן צוגענגלעכקייט פֿון אַ וועזנטלעכן טייל פֿון דעם אָנפֿאַנגלעכער־בילדונג אויף געהעריקע רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן; צי

III) פֿאַרזאָרגן אין די ראַמען פֿון אָנפֿאַנגלעכער בילדונג אונטערריכטן פֿון געהעריקע רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן ווי אַ באַשטאַנדטייל פֿון דער לערן־פּראָגראַם; צי

IV) צופּאַסן איינעם פֿון די מיטלען, וואָס איז פֿאָרויסגעזען אין די פֿריערדיקע פּונקטן I-III לכל־הפּחות צו יענע תּלמידים וועמענס פֿאַמיליעס ווילן עס און דער צאָל פֿון וועלכע איז גענוג פֿאַר דעם.

ג) I) פֿאַרזאָרגן צוגענגלעכקייט פֿון מיטלבילדונג אויף געהעריקע רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן; צי

II) פֿאַרזאָרגן צוגענגלעכקייט פֿון אַ וועזנטלעכן טייל פֿון דעם מיטלבילדונג אויף געהעריקע רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן; צי

III) פֿאַרזאָרגן אין די ראַמען פֿון מיטלבילדונג אונטערריכטן פֿון געהעריקע רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן ווי אַ באַשטאַנדטייל פֿון דער לערן־פּראָגראַם; צי

IV) צופּאַסן איינעם פֿון די מיטלען, וואָס איז פֿאָרויסגעזען אין די פֿריערדיקע פּונקטן I-III לכל־הפּחות צו יענע תּלמידים וועמענס פֿאַמיליעס ווילן עס און דער צאָל פֿון וועלכע איז גענוג פֿאַר דעם;

ד) I) פֿאַרזאָרגן צוגענגלעכקייט פֿון פּראָפֿעסיאָנעל־טעכנישער־בילדונג אויף געהעריקע רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן; צי

II) פֿאַרזאָרגן צוגענגלעכקייט פֿון אַ וועזנטלעכן טייל פֿון דעם פּראָפֿעסיאָנעל־טעכנישער־בילדונג אויף געהעריקע רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן; צי

III) פֿאַרזאָרגן אין די ראַמען פֿון פּראָפֿעסיאָנעל־טעכנישער־בילדונג אונטעררריכטן פֿון געהעריקע רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן ווי אַ באַשטאַנדטייל פֿון דער לערן־פּראָגראַם; צי

IV) צופּאַסן איינעם פֿון די מיטלען, וואָס איז פֿאָרויסגעזען אין די פֿריערדיקע פּונקטן I-III לכל־הפּחות צו יענע תּלמידים וועמענס פֿאַמיליעס ווילן עס און דער צאָל פֿון וועלכע איז גענוג פֿאַר דעם;

ה) I) פֿאַרזאָרגן צוגענגלעכקייט פֿון אוניווערסיטעטישן און אַנדערע פֿאָרמעס פֿון הויכער בילדונג אויף געהעריקע רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן; צי

II) פֿאַרזאָרגן באַדינגונגען פֿאַר צו שטודירן די דאָזיקע שפּראַכן ווי אוניווערסיטעטישע און הויכער בילדונג דיסציפּלינעס; צי

III) סטימולירן און/צי דערלאָזן אוניווערסיטעטישע צי אַנדערע פֿאָרמעס פֿון הויכן בילדונג אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן צי שאַפֿן באַדינגונגען אויף צו לערנען די דאָזיקע שפּראַכן ווי אוניווערסיטעטישע צי הויכער בילדונג דיסציפּלינעס, אויב, אַז די מלוכה שפּילט ניט קיין וועזנטלעכע ראָל בנוגע די העכערע לערן־אַנשטאַלטן, די אונטערפּונקטן I און II קאָנען ניט זײַן אויסגעפֿילט;

ו) I) פֿאַרזאָרגן די גרינדונג פֿון קורסן פֿאַר דערוואַקסענע און אַ סיסטעמע אויף צו העכערן די קוואָליפֿיקאַציע, וווּ די אונטעריכט ווערט אין גרונט צי אינגאַנצן געפֿירט אויף די רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן; צי

II) צי פֿאָרלייגן אַזעלכע שפּראַכן אַלס דיסציפּלינעס פֿון בילדונג פֿאַר דערוואַקסענע און דער סיסטעם אויף צו העכערן די קוואַליפֿיקאַציע; צי

III) פֿאַרזאָרגן און/צי סטימולירן איניציאַטיוון אויף צו דערלערנען אַזעלכע שפּראַכן אַלס דיסציפּלינעס אין ראַמען פֿון פּראַגראַמען פֿאַר דערוואַקסענע און פּראָגראַמען אויף צו העכערן די קוואַליפֿיקאַציע, אויב די מלוכה־אָרגאַנען האָבן ניט קיין גלײַכע קאָמפּעטענציע אין דער ספֿערע פֿון בילדונג פֿאַר דערוואַקסענע;

ז) אָננעמען מיטלען אויף צו פֿאַרזאָרגן די אונטעררריכטן פֿון היסטאָריע און קולטור, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין די רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן;

ח) פֿאַרזאָרגן צוגרייטונג און איבערגרייטונג פֿון די לערערס, וועלכע וואָלטן מיטגעשטימט די פֿאָדערונגען פֿון דער אויפֿגאַבע אויסצופֿילן די אונטערפּונקטן א–ז, מיט וועלכע ס'איז מסכּים דער **צד**;

ט) שאַפֿן אַ קאָנטראָל־אָרגאַן צי אָרגאַנען, וועלכע קאָנטראָלירן וואָסערע מיטלען ווערן אָנגענומען און די דערגרייכונגען אין דער אָרגאַניזאַציע צי אַנטוויקלונג פֿון די אונטעררריכטן אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן און וועלכע זענען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר צוגרייטן פּעריאָדישע פֿאָרטראָגן אויפֿן גרונט פֿון די צענויפֿגעזאַמלטע אָנגאַבן, וואָס ווערן פֿאַרעפֿנטלעכט;

2. אין דעם וואָס האָט שייַכות צו בילדונג, און בנוגע אַנדערע טעריטאָריעס, ווו די רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן טראַדיציאָנעל ווערן ניט באַנוצט, די **צדודים** נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן, מיט די באַדינגונגען, אַז דער צאָל פּערזאָנען, וועלכע באַניצן די רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן, באַרעכטיקן דאָס, צו דערלויבן, סטימולירן צי פֿאַרזאָרגן די אונטעררריכטן אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן, צי די אונטעררריכטן פֿון דער דאָזיקע שפּראַך אויף אַלע געהערעקע שטאַפּלען פֿון בילדונג.

**אַרטיקל 9 – געריכטמאַכטן**

1. די **צדודים** נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן, בנוגע די געריכטקרייַזן, ווו דער צול אייַנוווינער, וואָס באַניצן די רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן, באַרעכטיקט די אָנגעוויזענע ווייַטער מיטלען לויט די תּקנות פֿון יעדער פֿון די דאָזיקע שפּראַכן און מיט די באַדינגונגדען, אַז די מעגלעכקייטן, וועלכע עס גיט דער דאָזיקער פּונקט ווערן ניט באַטראַכט פֿונעם ריכטער ווי אַ שטערונג פֿאַר געהעריקע מישפּטן:

א) בייַם דורכפֿירן די קרימינעלע ענינים:

I) פֿאַרזאָרגן, אַז אין דעם פֿאַל ווען איינע פֿון די צדודים בעט, אַז די באַהאַנדלונגען פֿונעם ענין אין געריכט זאָל זיך פֿירן אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן; און/צי

II) גאַראַנטירן דעם באַשולדיקטן די רעכט אויף צו באַניצן פֿון אים/איר רעגיאָנעלע שפּראַך צי שפּראַך פֿון מינדערהייט; און/צי

III) פֿאַרזאָרגן, אַז די אָנפֿראַגעס און דאָס עדות זאָגן, שריפֿטלעך צי מינדלעך, זאָלן ניט ווערן אויפֿגענומען ווי אוממעגלעכע בלויז דערפֿאַר, וואָס זיי זענען פֿאָרמולירט אויף רעגיאָנעלער שפּראַך צי שפּראַך פֿון מינדערהייט; און/צי

IV) צונויפֿשטעלן לויט די אָנפֿראַגעס די דאָקומענטן, וואָס האָבן שײַכות צום דורכפֿירן דעם ענין, אויף אַ געהעריקער רעגיאָנעלער שפּראַך צי שפּראַך פֿון מינדערהיטייט, בײַ נויטווענדיקייטן פֿארזאָרגן מיט אַ איבערזעצער, אָן צוגאָב־הוצאָות פֿון דער זײַט פֿון די פֿאַראינטעריסירטע פערזאָנען;

ב) בײַם דורכפֿירן די ציווילע ענינים:

I) פֿאַרזאָרגן, אַז אין דעם פֿאַל ווען איינע פֿון די צדודים בעט, אַז די באַהאַנדלונגען פֿונעם ענין אין געריכט זאָל זיך פֿירן אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן; און/צי

II) ווען דער אָנטיילנעמער פֿונעם פּראָצעס דאַרף פּערזענלעך שטעלן זי פֿאַרן געריכט, דערלויבן, אַז ער זזאָל זיך באַניצן מיט זײַן רעגיאָנעלע שפּראַך צי שפּראַך פֿון מינדערהייט, אָן צוגאָב־הוצאות פֿון זײַן זײַט; און/צי

III) דערלויבן, צו געבן די דאָקומענטן און עדות זאָגן אויף דער רעגיאָנעלער שפּראַך צי שפּראַך פֿון מינדערהייט און ווען ס'איז נייטיק אָנקומען צו הילף צו אַן איבערזעצער;

ג) בײַם דורכפֿירן ענינים פֿון אַדמיניסטראַטיווע רעכטברעכונג:

I) פֿאַרזאָרגן, אַז אין דעם פֿאַל ווען איינע פֿון די צדודים בעט, אַז די באַהאַנדלונגען פֿונעם ענין אין געריכט זאָל זיך פֿירן אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן; און/צי

II) ווען דער אָנטיילנעמער פֿונעם פּראָצעס דאַרף פּערזענלעך שטעלן זיך פֿאַרן געריכט, דערלויבן, אַז ער זאָל זיך באַניצן מיט זײַן רעגיאָנעלע שפּראַך צי שפּראַך פֿון מינדערהייט, אָן צוגאָב־הוצאות פֿון זײַן זײַט; און/צי

III) דערלויבן, צו געבן די דאָקומענטן און עדות זאָגן אויף דער רעגיאָנעלער שפּראַך צי שפּראַך פֿון מינדערהייט און ווען ס'איז נייטיק אָנקומען צו הילף צו אַן איבערזעצער;

ד) אָננעמען מיטלען, כּדי בײַם אויספֿילן די אונטערפּונקטן I – III פֿון די פּונקטן ב) און ג) און אין פֿאַלן ווען מע דאַרף אָנקומען צו הילף פֿון אַן איבערזעצער זאָלן די פֿאַראינטערעסירטע פערזאָנען ניט דאַרפֿן צאָלן צוגאָב־הוצאות.

2. די **צדודים** נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן:

א) ניט אָפּזאָגן אָנצונעמען יורידישע דאָקומענטן, וואָס זענען צונויפֿגעשטעלט אין לאַנד, בלויז דערפֿאַר, וואָס די דאָקומענטן זענען צוגעגרייט אויף דער רעגיאָנעלער שפּראַך צי שפּראַך פֿון מינדערהייט; צי

ב) ניט אָפּזאָגן צו אַנערקענען די צוגעגרייטע צווישן די צדודים יורידישע דאָקומענטן, צונויפֿגעשטעלטע אין לאַנד־**צד** פֿון **כאַרטיע,** בלויז דערפֿאַר, וואָס זיי זענען אויף דער רעגיאָנעלער שפּראַך צי שפּראַך פֿון מינדערהייט, און פֿאַרזאָרגן אַ מעגלעכקייט פֿון פֿאַררופֿונג אויף זיי פֿאַר דעם דריטן צד, וואָס באַניצט ניט די דאָזיקע שפּראַכן, מיט די באַדינגונגען, אַז דער אינהאַלט פֿון דעם דאָקומענט ווערט געבראַכט צו קענטעניש פֿאַר דעם דריטן צד, מיט דער פּערזאָן (פּערזאָנען), וואָס פֿאַררופֿט זיך אויף דעם דאָזיקן דאָקומענט; צי

ג) ניט אָפּזאָגן צו אַנערקענען די צוגעגרייטע מיט די צדודים יורידישע דאָקומענטן, צונויפֿגעשטעלטע אין לאַנד, בלויז דערפֿאַר, וואָס די דאָקומענטן זײַנען אויף דער רעגיאָנעלער שפּראַך צי שפּראַך פֿון מינדערהייט.

3) די **צדודים** נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן צו פֿאַרזאָרגן צוטרעטלעכקייט פֿון די טעקסטן פֿון געזעצגעבערישע אַקטן אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן, באַזונדערס אין די פֿאַלן, וואָס האָבן אַ דירעקטן שײַכות, צו פּערזאָנען, וואָס באַניצן די דאָזיקע שפּראַכן, אויב די דאָקומענטן זײַנען ניט געווען געגעבן אין רשות מיט אַן אַנדערע פֿאָרם.

**אַרטיקל 10 – אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען און מלוכה־דינסטן**

1. אין די אַדמיניסטראַטיווע קרײַזן פֿון אַ מלוכה, ווו דער צאָל אַנווױנערס, וואָס באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן, באַרעכטיקט די ווײַטערדיקע מיטלען און אין הסכּם מיטן מצבֿ פֿון יעדער שפּראַך, די **צדודים** נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן, אויף וויפֿל דאָס איז מעגלעך:

א) I. פֿאַרזאָרגן, אַז די אַדמיניסטראַטיווע מאַכטן זאָלן זיך באַניצן מיט רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהיטן; צי

II) פֿאַרזאָרגן, אַז זייערע פֿאָרשטייער, וואָס פֿאַרווירקלעכן קאָנטאַקטן מיט דער געזעלשאַפֿט, זאָלן באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן צו די פּערזאָנען, וועלכע ווענדן זיך צו זיי אויף די דאָזיקע שפּראַכן; צי

III) פֿאַרזאָרגן, אַז די פּערזאָנען, וואָס באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן, זאָלן קאָנען געבן מינדלעכע צי שריפֿטלעכע מעלדונגען און באַקומען ענטפֿער אויף די דאָזיקע שפּראַכן; צי

IV) פֿאַרזאָרגן, אַז די פּערזאָנען, וואָס באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן, זאָלן קאָנען געבן מינדלעכע צי שריפֿטלעכע מעלדונגען אויף די דאָזיקע שפּראַכן; צי

V) פֿאַרזאָרגן, אַז די פּערזאָנען, וואָס באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן, זאָלן קאָנען אויף אַ געזעצלעכן סמך געבן דאָקומענטן אויף דער דאָזיקער שפּראַך;

ב) פֿאַרזאָרגן צוטרעטלעכקייט פֿאַר דער באַפֿעלקערונג פֿון די ברייט באַניצנדיקע אַדמיניסטראַטיווע דאָקומענטן און בלאַנקן אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן צי אין צווייִשפּראַכלכן וואַריאַנט;
ג) דערלויבן פֿאַר די אַדמיניסטראַטיווע מאַכטן צונויפֿשטעלן דאָקומענטן אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן.

2. בנוגע די אָרטיקע און רעגיאָנעלע מאַכטן, אויף דער טעריטאָריע פֿון וועלכער דער צאָל אײַנוווינער, וואָס באַניצן זיך מיט רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן, איז אַזוינער, וואָס באַרעכטיקט די אָנגעוויזענע ווײַטער מיטלען. די **צדודים** נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן צו דערלויבן און/צי סטימולירן:

א) צו באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן פֿון די רעגיאָנעלע צי אָרטיקע אָרגאַנען פֿון מאַכט;

ב) די מעגלעכקייט פֿאַר פּערזאָנען, וואָס באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן צו געבן, מינדלעכע צי שריפֿטלעכע מעלדונגען אויף די דאָזיקע שפּראַכן;

ג) אַז די רעגיאָנעלע מאַכטן זאָלן פֿאַרעפֿנטלעכן זייערע אָפֿיציעלע דאָקומענטן אויך אויף געהערלעכע רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן;

ד) אַז די אָרטיעקע מאַכטן זאָלן פֿאַרעפֿנטלעכן זייערע אָפֿיציעלע דאָקומענטן אויך אויף געהעריקע רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן;

ה) אַז די רעגיאָנעלע מאַכטן זאָלן באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן אין דעם גאַנג פֿון דעבאַטן אויף די סעסיעס פֿון זייערע רעפּרעזענטאַטיווע אָרגאַנען, וואָס אין דער זעלבער צײַט שליסט ניט אויס אויך צו באַניצן די אָפֿיציעלע שפּראַך (שפּראַכן) פֿון דער מלוכה;

ו) אַז די אָרטיקע מאַכטן זאָלן באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן אין דעם גאַנג פֿון דעבאַטן אויף די סעסיעס פֿון זייערע

רעפּרעזענטאַטיווע אָרגאַנען, וואָס אין דער זעלבער צײַט שליסט ניט אויס אויך צו באַניצן די אָפֿיציעלע שפּראַך (שפּראַכן) פֿון דער מלוכה;

ז) מע זאָל באַניצן צי באַהערשן די טראַדיציאָנעלע און טאָפּאָנימישע ריכטיקע נעמען פֿון פּלעצער אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן, בײַ אַ נויטווענדיקייט אין איינעם מיט די נעמען אויף דער אָפֿיציעלער שפּראַך (שפּראַכן) פֿון דער מלוכה.

3. בנוגע פֿון די מלוכישע פֿונקציעס, וועלכע ווערן פֿאַרווירקלעכט מיט די אַדמיניסטראַטיווע מאַכטן צי מיט אַנדערע פּערזאָנען, וואָס האַנדלען אין נאָמען פֿון זיי, די **צדודים** נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן אויף זייער טעריטאָריע, ווו עס ווערן באַניצט רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן, אָפּהענגיק מיט דער לאַגע פֿון יעדער שפּראַך און אויף וויפֿל דאָס איז מעגלעך:

א) בײַ דעם רעאַליזירן די דאָזיקע פֿונקציעס פֿאַרזאָרגן מע זאָל באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן; צי

ב) דערלויבן די פּערזאָנען, וואָס באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן געבן מעלדונגען און באַקומען ענטפֿער אויף די דאָזיקע שפּראַכן; צי

ג) דערלויבן די פּערזאָנען, וואָס באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן געבן מעלדונגען אויף די דאָזיקע שפּראַכן.

4. כּדי צו רעאַליזירן די תּקנות פֿון פונקטן 1, 2 און 3 מיט וועלכע זיי זײַנען מסכּים, די **צדודים** נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן אָנצונעמען איינע צי מערער פֿון די ווײַטערדיקע מיטלען:

א) פֿאַרזאָרגן, אויב ס'וועט זיך נייטיקן, אַ שריפֿטלעכע צי מינדלעכע איבערזעצונג;

ב) פֿאַרזאָרגן דעם אויפֿנעם און, אין די פֿאַלן פֿון נויטווענדיקייט, צוגרייטונג פֿון אַ גענוגע צאָל פֿון אַמטלעכע פּערזאָנען און אַנדערע מלוכישע אָנגעשטעלטע;

ג) באַפֿרידיקן, אויף וויפֿל דאָס איז מעגלעך, די ביטעס פֿון די מלוכישע אָנגעשטעלטע, וואָס קענען די רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן, אויף זייער באַשטימונג אין די ראַיאָנען, ווי די דאָזיקע שפּראַך ווערט באַניצט.

5. די **צדודים** נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן צו דערלויבן לויט די ביטעס פֿון פֿאַראינטעריסירטע פּערזאָנען צו באַניצן צי אָננעמען פֿאַמיליעס אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן.

**אַרטיקל 11– מיטלען פֿון מאַסן־אינפֿאָרמאַציע**

1. בנוגע די פֿערזאָנען, וועלכע באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן, אויף די טעריטאָריעס, ווּ מע רעדט אויף די דאָזיקע שפּראַכן, לויט דער לאַגע פֿון יעדער שפּראַך, אין דער מאָס אין וועלכער גלײַך צי אומדירעקט פֿאַרשפּרייט זיך די קאָמפּעטענץ, די פֿולמאַכטן און די טעטיקייט פֿון דער מלוכישער מאַכט און אָן שאָדן פֿאַרן פּרינציפּ פֿון אומאָפּהענגלעכקייט און אויטאָנאָמיע פֿון די מיטלען פֿון מאַסן־אינפֿאָרמאַציע די **צדודים** נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן:

א) אין דער מאָס, אין וועלכער ראַדיאָ און טעלעוויזיע פֿילט אויס די ראָל פֿון מלוכישער דינסט:

I) פֿאַרזאָרגן די גרינדונג, לכל־הפּחות, פֿון איין ראַדיאָסטאַנציע און איין טעלעוויזיע־קאַנאַל, וואָס זאָל טראַנסלירן אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן; צי

II) סטימולירן, און/צי מיטווירקן מע זאָל גרינדן, לכל־הפּחות, איין ראַדיאָסטאַנציע און איין טעלעוויזיע־קאַנאַל, וואָס זאָלן טראַנסלירן אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן; צי

III) אָננעמען געהעריקע מיטלען כּדי די סטרוקטור פֿון טעלע־ראַדיאָ־טראַסלירונג זאָל פֿאָרויסזען די עקזיסטירונג פֿון פּראָגראַמען אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן;

ב) I. סטימולירן און/צי מיטווירקן מע זאָל גרינדן, לכל־הפּחות, איין ראַדיאָסטאַנציע וואָס זאָל טראַנסלירן אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן; צי

II) סטימולירן און/צי מיטווירקן מע זאָל טראַסלירן אויף אַ רעגולערן יסוד ראַדיאָפּראָגראַמען אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן;

ג) I. סטימולירן און/צי מיטווירקן מע זאָל גרינדן, לכל־הפּחות, איין טעלעוויזיע־קאַנאַל וואָס זאָל טראַנסלירן אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן; צי

II) סטימולירן און/צי מיטווירקן מע זאָל טראַסלירן אויף אַ רעגולערן יסוד טעלעוויזיע־פּראָגראַמען אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן;

ד) סטימולירן און/צי מיטווירקן מע זאָל פּראָדוצירן און פֿאַרשפּרייטן אַודיאָ־ און אַודיאָווִיזועלע־פּראָדוקציע אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן;

ה) I. סטימולירן און/צי מיטווירקן מע זאָל גרינדן און/צי אונטערהאַלטן, לכל־הפּחות, איין צײַטונג אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן; צי

II) סטימולירן צי מיטווירקן מע זאָל פּובליקירן אויף אַ רעגולערן יסוד אַרטיקלען אין צײַטונגען אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן;

ו) I. פֿינאַנסירן צוגאָב־הוצאָותן פֿאַר יענע מיטלען פֿון מאַסן־אינפֿאָרמאַציע , וועלכע באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן, אויב לויטן געזעץ איז פֿאָרויסגעזען פֿינאַנציעלע שטיצע פֿאַר די מיטלען פֿון מאַסן־אינפֿאָרמאַציע אין גאַנצן גענומען; צי

II) פֿאַרשפּרייטן די עקזיסטירנדיקע מיטלען פֿון פֿינאַנציעלער שטיצע אויף צו פּראָדוצירן אַודיאָ־וויזיע־פּראָדוקציע אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן;

ז) מיטהעלפֿן מ'זאָל צוגרייטן זשורנאַליסטן און אַנדערן פּערסאָנאַל פֿאַר די מיטלען פֿון מאַסן־אינפֿאָרמאַציע, וואָס באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן.

2. די **צדודים** נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן צו גאַראַנטירן פֿרײַהייט פֿאַרן דירעקטן אויפֿנעמען ראַדיאָ־ און טעלעוויזיע־טראַנסלירונגען פֿון די שכנישע לענדער אויף דער שפּראַך, וואָס איז ידענטיש צי נאָענט צו דער רעגיאָנעלער שפּראַך צי דער שפּראַך פֿון מינדערהייט, און ניט שטערן צו רעטראַנסלירן ראַדיאָ־ און טעלעוויזיע־טראַנסמיסיעס אויף אַזאַ שפּראַך פֿון די שכנעסדיקע לענדער. דעסגלײַכן זיי נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן נאָכצושפּירן, אַז אין דער פּרעסע זאָלן ניט ווערן געשאַפֿן קיין שום קיין באַגרענעצונגען וואָס האָט שײַכות צו פֿרײַען אויסדריקן מיינונגען און פֿרײַען פֿאַרשפּרייטן אינפֿאָרמאַציע אויף דער שפּראַך, וואָס ווערט באַניצט אין אַ אידענטישער פֿאָרמע צי נאָענטער פֿאָרמע צו דער רעגיאָנעלעך שפּראַך צי שפּראַך פֿון מינדערהייט. ווײַל די רעאַליזירונג פֿון די העכער דערמאָנטע פֿרײַהייטן ווערט באַגלייט מיט פֿאַרפֿליכטן און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, קאָן דאָס אַרונטערפֿאַלן אונטער דער ווירקונג פֿון פֿאָרמאַליטעטן, באַדינגונגען, באַגרענעצונגען און סאַנקציעס, וואָס זענען פֿאָרויסגעזען פֿון דעם געזעץ און וועלכע זײַנען נייטיק אין אַ דעמאָקראַטישן געזעלשאַפֿט, אין די אינטערעסן פֿון נאַציאָנאַלער זיכערקייט, טעריטאָריאַלער גאַנצקייט, זיכערקייט פֿון דער באַפֿעלקערונג, פֿאַר אויסמײַדן אומאָרדענונגען און פֿאַרברעכנס, פֿאַר צו היטן דאָס געזונט און געזעלשאַפֿטלעכע מאָראַל, פֿאַר צו פֿאַרטיידיקן די רעפּוטאַציע צי רעכטן פֿון אַנדערע פּערזאָנען, פֿאַר ניט צו דערלאָזן קיין אָפּפֿלוס פֿון קאָנפֿידיציעלער אינפֿאָרמאַציע צי פֿאַר אונטערצוהאַלטן דעם אויטאָריטעט און אָביעקטיווקייט פֿון דער רעכט־טעטיקייט.

3. די **צדודים** נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן צו פֿאַרזאָרגן, אַז די אינטערעסן פֿון די פּערזאָנען, וואָס באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן, זאָלן זײַן פֿאַרגעשטעלט צי זאָלן ווערן גענומען אין אַכט אין די אָרגאַנען, וועלכע קאָנען ווערן געגרינדעט לויט דעם געזעץ און מיט דער אויפֿגאַבע צו גאַראַנטירן פֿרײַהייט און פּילאַרטיקייט פֿון מיטלען פֿון מאַסן־אינפֿאָרמאַציע.

**אַרטיקל 12 – קולטורעלע אונטערנעמונגען און אָביעקטן**

1. בנוגע קולטורעלע אונטערנעמונגען און אָביעקטן – באַזונדערס ביבליאָטעקן, ווידיאָטעקן, קולטור־צענטערן, מוזייען, אַרכיוון, העכערע און העכערע ספּעציעלע לערן־אַנשטאַלטן, טעאַטערס און קינאָטעאַטערס, און אויך ליטעראַרישע ווערק און קינאָ־פּראָדוקציע, פֿאָלקסשאַפֿונג, פֿעסטיוואַלן און קולטור־געווערבן, אײַנשליסנדיק, בפֿרט, נײַע טעכנאָלאָגיעס – די **צדודים** נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן, אַז אויף דער טעריטאָריע, ווּ עס ווערן אַזעלכע שפּראַכן, און אין דער מאָס, וואָס געהערט צו דער קאָמפּעטענץ, דער פֿולמאַכט און דער ראָל פֿון די מלוכישע אָרגאַנען אין דעם געביט:

א) סטימולירן פֿאַרשיידענע פֿאָרמעס אויסצודריקן זיך און שאַפֿונגען, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן און מיטווירקן די אַנטוויקלונג פֿון פֿאַרשיידענע מיטלען פֿאַר צוטרוי צו ווערק אויף די דאזיקע שפּראַכן;

ב) מיטווירקן ס'זאָלן זיך אַנטוויקלען פֿאַרשיידענע מיטלען פֿון צוטרוי פֿאַר די טרעגערס פֿון אַנדערע שפּראַכן צו די ווערק אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן דורך ברייטן באַניצונג פֿון איבערזעצונגען, דובלירונג, סינכראָן־איבערזעצונג און אונטערטיטרען;

ג) מיטווירקן די אַנטוויקלונג פֿונעם צוטרוי פֿאַר די טרעגער פֿון רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן צו די ווערק אויף אַנדערע שפּראַכן דורך ברייטן באַניצונג פֿון איבערזעצונגען, דובלירונג, סינכראָן־איבערזעצונג און אונטערטיטרען;

ד) נאָכשפּירן נאָך דעם, אַז די אַמטשאַפֿטן, וועלכע זײַנען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אָרגאַניזירן צי אונטערהאַלטן פֿאַרשיידענע קולטורעלע אונטערנעמונגען, זאָלן אין אַ געוויסער מאָס נעמען אין אַכט דאָס וויסן און פּראַקטישע באַניצונג פֿון די רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן און זייער קולטור אין די ראַמען פֿון די איניציִירטע אונטערנעמונגען צי אונטערנעמונגען וועלכע זיי האַלטן אונטער;

ה) אָננעמען מיטלען וואָס זאָלן פֿאַרזאָרגן די אַמטשאַפֿטן, וועלכע זײַנען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אָרגאַניזירן און אונטערהאַלטן די קולטורעלע אונטערנעמונגען, מיטן פּערסאָנאַל, וואָס באַניצט זיך פֿרײַ מיט די געהעריקע

רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן, חוץ דער שפּראַך (שפּראַכן) פֿון דעם איבעריקן טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג;

ו) סטימולירן, אַז די פֿאָרשטייער פֿון דער באַפֿעלקערונג, וואָס באַניצן זיך מיט אַ רעגיאָנעלער שפּראַך צי מיט דער שפּראַך פֿון מינדערהייטן זאָלן קאָנען גלײַך אָנטיילנעמען אין פֿאַרזאָרגונג און פּלאַנירונג פֿון די קולטור־אונטערנעמונגען;

ז) סטימולירן און/צי מיטווירקן מע זאָל גרינדן אַן אָרגאַן צי אָרגאַנען, וואָס זײַנען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר צונויפֿזאַמלען און פֿאַרהיטן קאָפּיעס פֿון די ווערק, וועלכע ווערן צוגעשטעלט צי פּובליקירט אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן;

ח) אין פֿאַלן פֿון נויטווענדיקייט גרינדן און/צי מיטהעלפֿן און פֿינאַנסירן אַמטשאַפֿטן, וועלכע פֿאַרווירקלעכן איבערזעצונגען און טערמינאָלאָגישע פֿאָרשונגען, בפֿרט מיט דער ציל אונטערצוהאַלטן און אַנטוויקלען פֿאָרשונגען אויף אויסאַרבעטן געהעריקע אַדמיניסטראַטיווע, קאָמערציעלע, עקאָלאָגישע, סאָציאַלע, טעכנישע און יורידישע טערמינאָלאָגיע פֿאַר יעדער רעגיאָנעלער שפּראַך צי שפּראַך פֿון מינדערהייטן.

2. בנוגע אַנדערע טעריטאָריעס, לגבי די, ווו רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן ווערן טראַדיציאָנעל באַניצט, די **צדודים** נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן, מיט די באַדינגונגען, אַז דער צאָל פּערזאָנען, וואָס באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן, באַרעכנט דאָס, צו דערלויבן, סטימולירן און/צי מיטווירקן מע זאָל דורכפֿירן קולטורעלע אונטערנעמונגען און פֿאַרזאָרגן זיי לויט דעם פֿריערדיקן פּונקט.

3) די **צדודים** אין זייער קולטורעלער פּאָליטיק אין אויסלאַנד נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן אויסטיילן אַ געהעריק אָרט פֿאַר די רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן און אין דער קולטור, וואָס זיי שטעלן פֿאָר.

## אַרטיקל 13 – דאָס עקאָנאָמישע און געזעלשאַפֿטלעכע לעבן

1. בנוגע דער עקאָנאָמישער און געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט די **צדודים** נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן אינעם מאַסשטאַב פֿונעם גאַנצן לאַנד:

א) אויסשליסן פֿון געזעצגעבונג באַליביקע תּקנות, וועלכע אומבאַרעכטיקט פֿאַרבאָטן צו באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן אין דאָקומענטן, וואָס האָבן שײַכות צו דעם עקאָנאָמישן צי געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, בפֿרט אין אָפּמאַכן וועגן אָנדינגען, און אין אַזוינע טעכנישע דאָקומענטן ווי אינסטרוקציעס וועגן צו באַניצן פּראָדוקציע און אינסטרוקציעס וועגן עקספּלואַטאַציע מעכאַניזמען;

ב) פֿאַרבאָטן מע זאָל אײַנשליסן אין די אינערלעכע כּללים פֿון די קאָמפּאַניעס און קאָנפֿידיציעלע דאָקומענטן פֿון באַליביקע תּקנות, וואָס שליסן אויס צי באַגרענעצן, לכל־הפּחות, אין די קאָנטאַקטן צווישן פּערזאָנען, וואָס באַניצן איין און די זעלבע שפּראַך;

ג) קעגנשטעלן דער פּראַקטיק, וואָס האָט פֿאַר זיך דעם ציל צו שאַפֿן שטערונגען פֿאַר באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן אין עקאָנאָמישן און געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט;

ד) מיטווירקן און/צי סטימולירן מע זאָל באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן דורך אַנדערע מיטלען, וואָס אַנטשיידן זיך פֿון די דערמאָנטע אין די פֿריערדיקע אונטערפּונקטן.

2. בנוגע דער עקאָנאָמישער און געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט די **צדודים** נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן אויף וויפֿל ס'דערלויבט די קאָמפּעטענץ פֿון די מלוכישע אָרגאַנען און אויף וויפֿל ס'איז באַרעכטיקט, אויף דער טעריטאָריע, ווו ס'ווערן באַניצט די רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן:

א) אײַנשליסן אין די פֿינאַנציעלע און באַנק־אינסטרוקציעס תּקנות, וואָס דערלויבן אין די ראַמען פֿון פּראָצעדורן, וואָס אַנטשפּרעכן דער קאָמערציאָנעלער פּראַקטיק, צו באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן ווען מע שטעלט צונויף אויסצאָל־אויפֿטראָגן (טשעקן, או.אַ.וו.) צי אַנדערע פֿינאַנציעלע דאָקומענטן, צי, אויב עס נייטיקט זיך, פֿאַרזאָרגן מע זאָל באַניצן אַזוינע תּקנות;

ב) אין די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע סעקטאָרן, וואָס געפֿינען זיך אונטער זייער דירעקטן קאָנטראָל (מלוכישער סעקטאָר), אָרגאַניזירן טעטיקייטן, וואָס איז געווענדעט אויף צו פֿאַרברייטערן די באַניצונג פֿון די רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן;

ג) פֿאַרזאָרגן, אַז די אַנשטאַלטן פֿון סאָציאַלער פֿאַרזיכערונג , אַזעלכע ווי די שפּיטאָלן, די היַיזער פֿאַר זקנים און צוזאַמענוווינונגען, זאָלן האָבן מעגלעכקייט צו דורכפֿירן די דאָקטוירעם־באַדינונג די פּערזאָנען וואָס באַניצן רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן און וועלכע נייטיקן זיך מע זאָל זיי באַדינען ווײַל זייער געזונט איז שוואַך צי זיי זײַנען אַלט צי צוליב אַנדערע סיבות, אויף זייער אייגענער שפּראַך;

ד) פֿאַרזאָרגן מיט געהעריקע מיטלען, אַז די אינסטרוקציעס פֿאַר דער זיכער־טעכניק זאָלן ווערן צונויפֿגעשטעלט אויך אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן;

ה) פֿאַרזאָרגן, אַז די אינפֿאָרמאַציע, וועלכע עס געבן די קאָמפּעטענטע מלוכישע אָרגאַנען לגבי די רעכטן פֿון די געברויכער, זאָלן ווערן צעשפּרייט אויף רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן.

### אַרטיקל 14– טראַנסגרענעצלעכע אויסטוישן

די **צדודים** נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן:

א) פּראַקטיקירן צווישן מלוכות אין וועלכע איינע און די זעלבע שפּראַך ווערט באַניצט אין אידענטישער צי ענלעכער פֿאָרמע, צווייזײַטיקע און פֿילזײַטיקע אָפּמאַכן אין דער ספֿערע פֿון קולטור, בילדונג, אינפֿאָרמאַציע, פּראָפֿעסיאָנעלער צוגרייטונג און אין אומאיבעררײַסלעכער בילדונג, צי בײַ נויטווענדיקייט דערשלאָגן זיך מע זאָל שליסן אַזוינע אָפּמאַכן כּדי מיטווירקן מע זאָל פֿאַרברייטערן די קאָנטאַקטן צווישן פּערזאָנען וועלכע באַניצן זיך מיט איינער און דער זעלבער שפּראַך אין געהעריקע לענדער.

ב) צו ליב די אינטערעסן פֿון רעגיאָנעלע שפּראַכן צי שפּראַכן פֿון מינדערהייטן מיטווירקן און/צי אַנטוויקלען מיטאַרבעט צווישן די לענדער וואָס גרענעצן צווישן זיך, בפֿרט צווישן רעגיאָנעלע און אָרטיקע מאַכטן, אויף דער טעריטאָריע אויף וועלכער די זעלבע שפּראַך ווערט באַניצט אין אַ אידענטישער פֿאָרמע.

## טייל IV – די רעאַליזאַציע פֿון דער כאַרטיע

### אַרטיקל 15– פּעריאָדישע באַריכטן

1. די **צדודים** פּעריאָדיש געבן דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פֿונעם ראַט פֿון אייראָפּע אין אַ פֿאָרמע, וואָס וועט ווערן באַשטימט פֿונעם מיניסטאָרן־ראַט, באַריכט וועגן זייער פּאָליטיק, וואָס ווערט דורכגעפֿירט לויט דעם טייל II פֿון דער דאָזיקער כאַרטיע און וועגן די מיטלען אָנגענעמענע כּדי אויסצופֿילן יענע תּקנות פֿון דעם טייל III, מיט וועלכע זיי זענען מסכּים געווען. דער ערשטער באַריכט דאַרף זײַן געגעבן אין משך פֿון אַ יאָר, וואָס קומט נאָך דעם ווען די כאַרטיע באַקומט די קראַפֿט לגבי דער פֿאַראינטעריסירטער **צד**; אַנדערע באַריכטן – מיט אַ דרײַיאָריקע אינטערוואַלן נאָך דעם דערלאַנגן דעם ערשטן באַריכט.

2. די **צדודים** פֿאַרזיכערן עפֿנטלעכקייט פֿון זייערע באַריכטן.

**אַרטיקל 16– די דערלערנונג פֿון די באַריכטן**

1. די באַריכטן, וועלכע ווערן געגעבן דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דעם ראַט פֿון אייראָפּע לויטן אַרטיקל 15, ווערן באַהאַנדלט פֿונעם קאָמיטעט פֿון עקספּערטן, וועלכער ווערט באַשטימט לויטן אַרטיקל 17.

2. די אָרגאַנען און אַסאָציאַציעס, וואָס זענען געגרינדעט אין לאַנד לויט דעם געזעצגעבונג, קאָנען צושיקן די אַכטונג פֿונעם קאָמיטעט פֿון עקספּערטן צו די פֿראַגעס, וואָס האָבן שײַכות צו די פֿאַרפֿליכטן, וואָס די **צדודים** האָבן גענומען אויף זיך לויט דעם טייל III פֿון דער דאָזיקער כאַרטיע. נאָך די קאָנסולטאַציעס מיט דעם פֿאַראינטעריסירן **צד** דער קאָמיטעט פֿון עקספּערטן קאָן נעמען אין אַכט די דאָזיקע אינפֿאָרמאַציע וועט עס ווערט צוגעגרייט דער פֿאָרטראָג, וואָס איז אָנגעוויזן אין דעם ווײַטערדיקן פּונקט. די דאָזיקע אָרגאַנען און אַסאָציאַציעס קאָנען אויך געבן מעלדונגען לגבי דער פּאָליטיק, וואָס ווערט דורכגעפֿירט פֿונעם **צד** לויט דעם טייל II.

3. לויט די באַריכטן, וועלכע ווערן דערמאָנט אין פּונקט 1, און דער אינפֿאָרמאַציע, וואָס ווערט דערמאָנט אין פּונקט 2, דער קאָמיטעט פֿון די עקספּערטן שטעלט צונויף דעם פֿאָרטראָג פֿאַרן קאָמיטעט פֿון מיניסטאָרן. דער דאָזיקער פֿאָרטראָג ווערט באַגלייט מיט נייטיקע קאָמענטאַרן און קאָן זײַן פֿאַרעפֿנטלעכט פֿונעם קאָמיטעט פֿון מיניסטאָרן.

4. דער פֿאָרטראָג, וואָס ווערט דערמאָנט אין פּונקט 3, דאַרף אַנטהאַלטן, בפֿרט, פֿאָרשלאָגן פֿונעם קאָמיטעט פֿון עקספּערטן צו דעם קאָמיטעט פֿון מיניסטאָרן זיי זאָלן צוגרייטן אַזעלכע רעקאָמענדאַציעס פֿאַר איין **צד** צי מערער **צדודים,** וועלכע קאָנען זײַן געפֿאָדערט.

5. דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון ראַט פֿון אייראָפּע גרייט פֿאַר דער פּאַרלאַמענט־אַסאַמבלעע אַ צוויי־יאָריקן פּרטימדיקן פֿאָרטראָג ווי עס ווערט אויסגעפֿילט די דאָזיקע כאַרטיע.

**אַרטיקל 17– דער קאָמיטעט פֿון עקספּערטן**

אין דעם באַשטאַנד פֿון קאָמיטעט פֿון עקספּערטן ווערן אײַנגעשלאָסן צו איין פֿאָרשטייער פֿון יעדער **צד,** וואָס איז באַשטימט פֿונעם קאָמיטעט פֿון מיניסטאָרן, וואָס האָבן הויכע מאָראַלע מעלות, וואָס זײַנען באַוווּסט מיט זייער קאָמפּעטענץ אין פֿראַגעס, וואָס האָבן שײַכות צו דער כאַרטיע, די קאַנדידאַטורן פֿון וועלכע ווערן אַרויסגערוקט פֿון דעם פֿאַראינטעריסירטן **צד**.

2. די מיטגלידער פֿון קאָמיטעט ווערן באַשטימט אויף זעקס יאָר און קאָנען זײַן באַשטימט אויפֿן ווײַטערדיקן פּעריאָד. דער מיטגליד פֿונעם קאָמיטעט, וועלכער לויט אייניקע סיבות קאָן ווײַטער ניט פֿאַרנומען דעם דאָזיקן פּאָסטן אין משך פֿון דעם גאַנצן טערמין, דאַרף ווערן פֿאַרביטן לויט דער פּראָצעדור, וואָס איז אָנגעוויזן אין פּונקט 1, און דער מיטגליד, וואָס פֿאַרנעמט דאָס אָרט אין קאָמיטעט דאַרף פֿאַרענדיקן דעם טערמין פֿון פֿולמאַכט פֿון זײַן פֿאָרגייער.

3. דער קאָמיטעט פֿון עקספּערטע נעמט אָן די תּקנות פֿון דער פּראָצעדור. זײַן סעקרעטאַר־באַדינונג ווערט פֿאַרזאָרגט פֿונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון ראַט פֿון אייראָפּע.

**טייל V – אויספֿיר־תּקנות**

**אַרטיקל 18**

1. די דאָזיקע כאַרטיע איז אָפֿן פֿאַר די לענדער – מיטגלידער פֿון ראַט פֿון אייראָפּע, וועלכע ווילן זי אונטערשרײַבן. די כאַרטיע דאַרף זײַן ראַטיפֿיצירט, אָנגענעמען צי באַשטעטיקט. די ראַטיפֿיקאַציע־גראַמאָטעס, די דאָקומענטן וועגן אָננעמען צי באַשטעטיקן גיט מען אויף אָפּהיטן דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פֿונעם ראַט פֿון אייראָפּע.

**אַרטיקל 19**

1. די דאָזיקע כאַרטיע באַקומט דעם כּוח אין דעם ערשטן טאָג פֿון חודש, וואָס קומט נאָך דעם דרײַ־חדשימדיקן טערמין, פֿונעם טאָג, ווען פֿינף לענדער – מיטגלידער פֿון ראַט פֿון אייראָפּע וועלן מסכּים זײַן צו נעמען אויף זיך די פֿאַרפֿליכטן, וואָס זענען פֿאָרויסגעזען מיט דער דאָזיקער כאַרטיע לויט די תּקנות פֿון אַרטיקל 18.

2. לגבי אַ באַליביקן לאַנד־מיטגליד, וועלכס וועט שפּעטער אַרויסווײַזן די הסכּמה נעמען אויף זיך פֿאַרפֿליכטן, וואָס זײַנען פֿאָרויסגעזען מיט דער דאָזיקער כאַרטיע, וועלכע באַקומט כּוח אין ערשטן טאָג פֿון חודש, וואָס קומט נאָכן דרײַ־חדשימדיקן טערמין פֿונעם טאָג ווען עס ווערט געגעבן אויף אָפּהיטן די ראַטיפֿיקאַציע־גראַמאָטעס, די דאָקומענטן וועגן אויפֿנעמען צי באַשטעטיקן.

**אַרטיקל 20**

1. ווען עס באַקומט דעם כּוח די דאָזיקע כאַרטיע דער קאָמיטעט פֿון מיניסטאָרן פֿון ראַט פֿון אייראָפּע קאָן פֿאָרלייגן פֿאַר אַ באַליביקן לאַנד, וואָס איז ניט קיין מידגליד פֿון ראַט פֿון אייראָפּע, פֿאַראייניקן זיך צו דער דאָזיקער כאָרטיע.

2. לגבי אַ באַליביקן לאַנד, וואָס האַט זיך פֿאַראייניקט צו דער כאַרטיע באַקומט כּוח אין ערשטן טאָג פֿון חודש, וואָס קומט נאָך דעם דריַי־חדשימדיקן טערמין פֿונעם טאָג פֿון געבן אויף אָפּהיטן דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון ראַט פֿון אייראָפּע דעם דאָקומענט וועגן פֿאַראייניקן זיך.

**אַרטיקל 21**

1. אַ באַליביק לאַנד האָט רעכט ביַים אונטערשריַיבן צי ביַים געבן אויף אָפּהיטן די ראַטיפֿיקאַציע־גראַמאָטע צי דעם דאָקומענט וועגן אָננעמען, באַשטעטיקן צי פֿאַראייניקן זיך, מאַכן איין צי מערער באַוואָרענישן צו די פּונקטן 2־5 פֿון אַרטיקל 7 פֿון דער דאָזיקער כאַרטיע. אַנדערע באַוואָרענישן ווערן ניט דערלאָזט.

2. אַ באַליביק לאַנד וואָס באַשליסט דעם אָפּמאַך, וואָס האָט געמאַכט אַ באַוואָרעניש לויט דעם פֿריערדיקן פּונקט, קאָן פֿולשטענדיק צי טיילווייַז אָפּרופֿן די באַוואָרעניש מיט אַ מיטטיילונג, וועלכע ווערט געשיקט דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון ראַט פֿון אייראָפּע . די אָפּרופֿן פֿון באַוואָרענישן באַקומען דעם כּוח אין טאָג ווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר באַקומט די מיטטילונג.

**אַרטיקל 22**

1. יעדער פֿון די **צדודים** קאָן אין אַ באַליביקער צייַט דענאָנסירן די דאָזיקע כאַרטיע שיקנדיק אַ מיטטיילונג דעם גענעראַל־סעקרעטאַר.

2. די דאָזיקע דענאָנסאַציע באַקומט דעם כּוח אין ערשטן טאָג פֿון חודש, וואָס קומט נאָך דעם וואָס ס'וועט אויסגיין דער טערמין פֿון זעקס חדשים פֿונעם טאָג ווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר באָקומט די מיטטיילונג.

**אַרטיקל 23**

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון ראַט פֿון אייראָפּע גיט צו וויסן די לענדער־מיטגלידער פֿון ראַט פֿון אייראָפּע און אַ באַליביק לאַנד, וואָס האָט זיך פֿאַראייניקט צו דער דאָזיקער כאַרטיע, וועגן:

א) יעדער אונטערשריַיבונג;

ב) אָפּגעבן אויף אָפּהיטן יעדער ראַטיפֿיקאַציע־גראַמאָטע, דאָקומענט וועגן אויפֿנעמען באַשטעטיקן צי פֿאַראייניקן זיך;

ג) יעדער דאַטע פֿון באַקומען דעם כּוח פֿון דער דאָזיקער כאַרטיע לויט די אַרטיקלען 19 און 20;

ד) יעדער מיטטיילונג וועגן אָנווענדונג פֿון די תּקנות פֿון אַרטיקל 3, פּונקט 2;

ה) אַן אַנדער באַליביק האַנדלונג, מיטטיילונג צי ידיעה, וואָס האָבן שײַכות צו דער דאָזיקער כאַרטיע.

וועגן דעם די אונטן־געחתמעטע, וועלכע זענען אויף אַ געהעריקן אופֿן אויף דעם באַפֿולמעכטיקט, האָבן אונטערגעשריבן די דאָזיקע כאַרטיע.

געשלאָסן אין סטראַסבורג דעם 5 נאָוועמבער 1992 יאָר אויף ענגלישער און פֿראַנצייזישער שפּראַכן, ביידע טעקסטן זײַנען גלײַך אויטענטיש, אין איין עקזעמפּלאַר, וועלכער וועט געגעבן אויף אָפּהיטן אין די אַרכיוון פֿון ראַט פֿון אייראָפּע. דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון ראַט פֿון אייראָפּע שיקט די באַשטעטיקטע קאָפּיעס צו יעדער לאַנד־מיטגליד פֿון ראַט פֿון אייראָפּע און אַ באַליביקן לאַנד, וואָס איז אײַנגעלאַדן צו פֿאַראייניקן זיך צו דער דאָזיקער כאַרטיע.

# דערקלערונג־באַריכט

## אַרײַנפֿיר

1. אַ סך אייראָפּעישע לענדער האָבן אויף זייערע טעריטאָריעס גרופּעס פֿון אַלטגעזעסענע תּושבֿים וואָס רעדן ניט די זעלביקע שפּראַך ווי דאָס רובֿ באַפֿעלקערונג. דאָס איז אַ פּאָעל־יוצא פֿון היסטאָרישע פּראָצעסן, אין וועלכע די פֿאָרמירונג פֿון די לענדער איז פֿאָרגעקומען לויט פּרינציפּן, וואָס זענען ניט דירעקט פֿאַרבונדן מיט שפּראַך־גרענעצן, און עס זענען דאָ קליינע שפּראַך־גרופּעס, אַרומגעכאַפּט פֿון גרעסערע.

2. די דעמאָגראַפֿישע לאַגע פֿון אַזעלכע רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן וואַרייִרט זיך שטאַרק. די רעדער־צאָל קען זיך וואַרייִרן פֿון אַ פּאָר טויזנט רעדער ביז זיבן מיליאָן. אַזוי וואַרייִרן זיך אויך די געזעצן און פּראַקטיק פֿון אייניקע מלוכות לגבי די שפּראַכן. אָבער אַ סך פֿון זיי האָבן איין זאַך בשותּפֿות: זיי זענען – איז אַ גרעסערער אָדער אַ קלענערער מאָס – באַדראָט. דערצו, וואָס די היסטאָרישע סיטואַציע זאָל ניט זײַן, האָבן אין הײַנטיקע טעג די סכּנות, וואָס שטייען אַקעגן די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן, צוויי עיקר־סיבות: זיי זענען רעזולטאַטן אַזוי פֿון דער אומפֿאַרמײַדלעך סטאַנדאַרטיזירנדיקער השפּעה פֿון מאָדערנער ציוויליזאַציע און באַזונדערס מאַס־מעדיאַ, ווי אויך פֿון אומפֿרײַנדלעכער סבֿיבֿה אָדער פֿון אַסימילאַציע־פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג.

3. לאַנגע יאָרן האָבן פֿאַרשיידענע אינסטאַנצן אין דעם אייראָפּעישן ראַט אַרויסגעבראַכט זייער דאגה מכּוח דער לאַגע פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן. אמת, די קאָנווענץ פֿאַר פֿאַרטיידיקן די מענטשלעכע רעכט און גרונט־פֿרײַהייטן פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ פֿון ניט־דיסקרימינאַציע (אַרטיקל 14), באַזונדערס פֿאַרווערנדיק אַלע פֿאָרמען פֿון דיסקרימינאַציע אויפֿן גרונט פֿון שייכות צו אַ שפּראַכלעכער אָדער נאַציאָנאַלער מינדערהייט, אַלע זאָלן קענען געניסן לכּל הפּחות די רעכט און פֿרײַהייטן, גאַראַנטירט פֿון דער קאָנווענץ. אָבער אויף וויפֿל וויכטיק זאָל דאָס ניט זײַן, שאַפֿט די קאָנווענץ פֿאַר די מענטשן נאָר אַ רעכט ניט דיסקרימינירט צו ווערן, אָבער ניט קיין סיסטעם פֿון פֿאַרטיידיקן די מינדערהייט־שפּראַכן און די קהילות וואָס ניצן זיי, ווי די קאָנסולטאַטיווע אַסאַמבלעע האָט באַמערקט שוין אין 1957 אין איר רעזאָלוציע 136. אין 1961, אין רעקאָמענדאַציע 285, האָט די פּאַרלאַמענטאַרע אַסאַמבלעע גערופֿן אויסצוגעפֿינען אַ שוץ־מיטל צו דערליידיקן די אייראָפּעישע

קאָנווענץ, כּדי צו פֿאַרטיידיקן די רעכט פֿון די מינדערהייטן צו געניסן זייער אייגענע קולטור, צו ניצן זייער אייגענע שפּראַך, צו גרינדן זייער אייגענע שולן, און אַזוי ווײַטער.

4. סוף־כּל־סוף אין 1981 האָט די פּאַרלאַמענטאַרע אַסאַמבלעע פֿונעם אייראָפּעישן ראַט אָנגענומען רעקאָמענדאַציע 928 לגבי די בילדונג־ און קולטורעלע פּראָבלעמען פֿון די מינדערהייט־שפּראַכן און דיאַלעקטן אין אייראָפּע. אין דעם זעלביקן יאָר האָט דער אייראָפּעישער ראַט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע מכּוח די זעלביקע פֿראַגן. די ביידע דאָקומענטן האָבן אײַנגעשלאָסן אַ טענה, אַז ס'איז נייטיק צונויפֿצושטעלן אַ געזעץ לגבי רעדיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן און זייערע קולטורן.

5. פּועלנדיק אין ראַמען פֿון די דאָזיקע רעקאָמענדאַציעס און רעזאָלוציעס, האָט די שטענדיקע קאָנפֿערענץ פֿון קהילות און רעגיאָנען פֿון אייראָפּע באַשלאָסן צוצוגרייטן אַן אייראָפּעישן געזעץ לגבי רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן, כּדי צו באַשטימען די ראָלע וואָס די רעגיאָנאַלע און קהילה־מאַכט מוז שפּילן לגבי די שפּראַכן און קולטורן אויף דעם ניוואָ פֿון קהילות און רעגיאָנען.

6. די פּרעלימינאַרע אַרבעט, וואָס האָט זיך געמאַכט איידער דער איצטיקער געזעץ איז צוגעשטעלט געוואָרן, האָט אײַנגעשלאָסן אַן איבערבליק פֿון דער איצטיקער לאַגע פֿון רעגיאָנאַלע און מינדערהייט־שפּראַכן אין אייראָפּע און, אין 1984, אַן עפֿנטלעכע זיצונג, באַזוכט פֿון אַן ערך 250 מענטשן - פֿאַרטרעטער פֿון מער ווי 40 שפּראַכן. דער ערשטער אָנוואָרף פֿונעם געזעץ איז צוגעגרייט געוואָרן מיט דער הילף פֿון אַ גרופּע עקספּערטן. צוליב דעם שטאַרקן און שטענדיקן אינטערעס פֿון דער פּאַרלאַמענטאַרער אַסאַמבלעע פֿון דעם אייראָפּעישן ראַט און דעם אייראָפּעישן פּאַרלאַמענט צו דער דאָזיקער טעמע, האָט די אַסאַמבלעע זיך אויך באַטייליקט אין צוגרייטן דעם געזעץ – און עס זענען דורכגעפֿירט געוואָרן קאָנטאַקטן מיט קאָמפּעטענטע מיטגלידער פֿונעם פּאַרלאַמענט.

7. לסוף, האָט די שטענדיקע קאָנפֿערענץ אין איר רעזאָלוציע 192 (1988) פֿאָרגעלייגט אַ טעקסט פֿון אַ געזעץ מיט אַ פּלאַן צו געבן אים אַ סטאַטוס פֿון אַ קאָנווענץ.

8. נאָכפֿאָלגנדיק די דאָזיקע איניציאַטיוו, אונטערשטיצט פֿון דער פּאַרלאַמענטאַרער אַסאַמבלעע אין איר באַשלוס נומער 142 (1988), האָט דער מיניסטאָרן־קאָמיטעט אויפֿגעשטעלט אַ ספּעציעלן עקספּערטן־קאָמיטעט לגבי רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין אייראָפּע, מיט אחריות צונויפֿצושטעלן אַ געזעץ, וואָס זאָל זיך באַזירן אויף דעם טעקסט פֿון דער שטענדיקער קאָנפֿערענץ. דער צווישנרעגירונגדיקער קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן זײַן אַרבעט סוף 1989. די קאָנפֿערענץ פֿון קהילות און רעגיאָנען פֿון אייראָפּע און די פּאַרלאַמענטאַרע אַסאַמלעע האָבן זיך באַטייליקט אין די באַגעגענישן צוליב זייער

וויכטיקער ראָלע אין פּראָטעזשירן דעם פּראָיעקט. איידער דער ענדגילטיקער טעקסט פֿון דעם געזעץ־פּראָיעקט איז דערלאַנגט געוואָרן צו דעם מיניסטאָרן־קאָמיטעט אין 1992, האָט דער עקספּערטן־קאָמיטעט לגבי רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין אייראָפּע זיך געעצהט מיט אַ ריי ספּעציאַליזירטע קאָמיטעטן אין ראַמען פֿון דעם אייראָפּעישן ראַט (קולטור, בילדונג, מענטשלעכע רעכט, יורידישע מיטאַרבעט, פּראָבלעמען פֿון פֿאַרברעכערײַ, קהילות און רעגיאָנאַלע אַדמיניסטראַציע, מעדיאַ) און מיט דער אייראָפּעישער קאָמיסיע פֿאַר דעמאָקראַטיע דורך געזעץ און גענומען אין אַכט זייערע מיינונגען.

9. דעם 25סטן יוני 1992, אויף דער 478סטער זיצונג פֿון די מיניסטאָרן־דעפּוטאַטן, האָט דער מיניסטאָרן־קאָמיטעט אָנגענומען דעם געזעץ איז ווי אַ קאָנווענץ, און דעם 5טן נאָוועמבער 1992 אין סטראַסבורג איז דער געזעץ געעפֿנט געוואָרן פֿאַר חתמענען.

**אַלגעמיינע טעמים**

**צילן פֿונעם געזעץ**

10. דער הויפּט־ציל פֿונעם געזעץ איז, ווי עס איז שוין דערקלערט געוואָרן אין דער הקדמה, קולטורעל. דער געזעץ איז אויסגעטראַכט כּדי צו באַשיצן און פּראָטעזשירן רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן ווי אַ טייל פֿון דער אייראָפּעישער קולטור־ירושה וואָס געפֿינט זיך אין סכּנה. דערפֿאַר שליסט ער איַין ניט נאָר אַ טייל קעגן דיסקרימינאַציע אין ניצן די דאָזיקע שפּראַכן, נאָר אויך שטעלט צו מאָסמיטלען וואָס העלפֿן באַשיצן די שפּראַכן: דער ציל איז צו גאַראַנטירן, אויף וויפֿל עס איז מעגלעך, אַז די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן וועלן געניצט ווערן אין בילדונג און מעדיאַ, און צו דערלויבן זייער ניצן אין יורידישער און אַדמיניסטראַטיווער ספֿערע,ווירטשאַפֿטלעך און סאָציאַל לעבן און אין קולטורעלע אַקטיוויטעטן. נאָר אויף דעם אופֿן קענען אַזעלכע שפּראַכן קריגן פֿאַרגיטיקונג פֿאַר אומגינציקע באַדינגונגען אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, אויפֿגעהיט ווערן און זיך אַנטוויקלען ווי אַ לעבעדיקער שליף פֿון דער אייראָפּעישער קולטורעלער אידענטיטעט.

11. דער ציל פֿונעם געזעץ איז צו באַשיצן און פּראָטעזשירן די רעגיאָנאַלע און מינדערהייט־שפּראַכן, ניט שפּראַך־מינדערהייטן. דערפֿאַר באַטאָנט ווערן דווקא דער קולטורעלער אַספּעקט און דאָס ניצן אַ רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַך אין אַלע לעבן־ספֿערעס פֿון אירע רעדער. דער געזעץ גאַראַנטירט ניט צו די רעדער פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן קיין באַזונדערע רעכט – אינדיווידועלע אָדער קאָלעקטיווע. פֿונדעסטוועגן, בהסכּם מיטן געזעץ וועלן די לענדער מוזן אָננעמען געוויסע התחייבֿותן לגבי דעם סטאַטוס פֿון די דאָזיקע שפּראַכן און איַינפֿירן ענדערונגען אין זייער אינערער מלוכישער געזעצגעבונג, וואָס וועלן האָבן

אַ באַשײַמפּערלעכן עפֿעקט אויף דער לאַגע פֿון די באַטראַכטע קהילות און זייערע מיטגלידער.

12. די שטענדיקע קאָנפֿערענץ פֿון קהילות און רעגיאָנען פֿון אייראָפּע האָט צוגעגרייט און פֿאָרגעלייגט די סקיצע פֿונעם געזעץ איידער אין צענטראַלער און מיזרח־אייראָפּע זענען פֿאָרגעקומען דראַמאַטישע שינויים, און דערפֿאַר ווערן אין איר אין באַטראַכט גענומען נאָר די באַדערפֿענישן פֿון די לענדער, וואָס זענען שוין דעמאָלט געווען מיטגלידער פֿון דעם אייראָפּעישן ראַט. פֿונדעסטוועגן, זענען דער באַטײַט פֿונעם געזעץ און זײַן צוגאַנג צו דער סיטואַציע אין די לענדער פֿון צענטראַלער און מיזרח־אייראָפּע זײַט דעם באַשטעטיקט געוואָרן מיט אינטערעס, וואָס די פֿאַרטרעטער פֿון די דאָזיקע לענדער האָבן אַרויסגעבראַכט, נעמענדיק אָנטייל אין אויספֿורעמונג פֿון אייראָפּעישע סטאַנדאַרטן אין דעם אַספּעקט.

13. כאָטש דער פּראָיעקט פֿונעם געזעץ רירט ניט אָן די פּראָבלעם פֿון נאַציעס וואָס באַגערן צו קריגן אומאָפּהענגיקייט אָדער האָפֿן, די גרענעצן זאָלן זיך ענדערן, קען דער געזעץ העלפֿן, אין אַ געוויסער מאָס, צו פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון די מינדערהייטן, וואָס זייער סימן־מובֿהק איז די שפּראַך, געבנדיק זיי אַ מעגלעכקייט זיך צו פֿילן באַקוועם אין דער מלוכה וואָס אין איר האָט די געשיכטע זיי אײַנגעאָרט. זײַענדיק ווײַט פֿון פֿאַרשטאַרקן דיזינטעגראַציע־טענדענצן, קען דאָס הייבן די מעגלעכקייט צו ניצן די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין פֿאַרשיידענע ספֿערעס פֿונעם לעבן נאָר אָנמוטיקן די גרופּעס וואָס רעדן זיי גובֿר צו זײַן די פֿאַרדראָסן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט וואָס האָבן זיי ניט געלאָזט אָנצונעמען זייער אָרט אינעם לאַנד וווּ זיי לעבן און אין אייראָפּע בכלל.

14. אין דעם קאָנטעקסט איז כּדאי צו באַטאָנען, אַז דער געזעץ באַשטימט ניט די באַציִונגען צווישן אָפֿיציעלע שפּראַכן און רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין טערמינען פֿון קאָנקורענץ אָדער אַנטאַגאָניזם. פֿאַרקערט, ער נעמט בכּיוון אָן אינטערקולטורעלן און פֿילשפּראַכיקן צוגאַנג, וואָס לאָזט יעדער קאַטעגאָריע שפּראַכן האָבן איר אייגענעם אָרט. דער צוגאַנג שטימט אין גאַנצן צו צו די ווערטן, וואָס זיי איז טראַדיציאָנעל געטרײַ דער אייראָפּעישער ראַט, און צו זײַנע באַמיִונגען צו מוטיקן נאָענטערע באַציִונגען צווישן די פֿעלקער, די אַל־אייראָפּעישע קאָאָפּעראַציע און בעסער פֿאַרשטענדעניש צווישן פֿאַרשיידענע גרופּעס באַפֿעלקערונג אין דער מלוכה אויפֿן צווישנקולטורעלן יסוד.

15. דער געזעץ רירט ניט אָן די לאַגע פֿון די נײַע, אָפֿט ניט אינדאָ־אייראָפּעישע, שפּראַכן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין אייראָפּעישע לענדער צוליב אַנומלטיקע מיגראַציעס וואָס קומען אָפֿט אויף פֿון עקאָנאָמישע גרונטן. די באַפֿעלקערונג, וואָס רעדט אַזעלכע שפּראַכן,לײַדט פֿון באַזונדערע פּראָבלעמען פֿון אינטעגראַציע. דער עקספּערטן־קאָמיטעט לגבי רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין אייראָפּע האַלט זיך בײַ דער מיינונג, אַז די דאָזיקע פּראָבלעמען מוזן באַטראַכט ווערן

באַזונדערס, אויב מעגלעך – אין אַ ספּעציעלן געזעץ.

16. לסוף, קען מען באַמערקן, אַז געוויסע לענדער – מיטגלידער פֿונעם אייראָפּעישן ראַט – פֿאָלגן שוין פּאָליטיק, וואָס גייט ווײַטער ווי עס פֿאָדערט דער געזעץ. די מחברים פֿונעם געזעץ האָבן גאָר ניט בדעה אַז די פֿאַרשרײַבונגען פֿונעם געזעץ קענען מינערן זייער רעכט עס צו טאָן.

**גרונט־באַגריפֿן און צוגאַנג**

*באַגריף פֿון דער שפּראַך*

17. דער באַגריף פֿון דער שפּראַך, וואָס ווערט געניצט אין דעם געזעץ, קאָנצענטרירט זיך קודם־כּל אויף דער קולטורעלער פֿונקציע פֿון דער שפּראַך. אַזוי אַרום, ווערט איר ניט געגעבן קיין סוביעקטיווע דעפֿיניציע, וואָס זאָל באַטאָנען אינדיווידועלע רעכט, דהיינו דאָס רעכט צו רעדן "מען'ס אייגענע שפּראַך" – יעדער איינער לאָז קענען אויסקלײַבן, וואָס וועט זײַן זײַן אייגענע שפּראַך. דער געזעץ באַזירט זיך אויך ניט אויף קיין פּאָליטישער־סאָציאַלער אָדער עטנישער דעפֿיניציע: אַ שפּראַך ווערט ניט באַשריבן ווי אַן אינסטרומענט פֿון אַ באַזונדערער סאָציאַלער אָדער עטנישער גרופּע. דעריבער מוז דער געזעץ ניט דעפֿינירן דעם באַגריף פֿון שפּראַך־מינדערהייטן, ווײַל זײַן ציל איז ניט צו באַשיצן די רעכט פֿון עטנישע און \ אָדער קולטורעלע מינדערהייט־גרופּעס, נאָר צו באַשיצן און צו פּראָטעזשירן די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן ווי אַזעלכע.

*געניצטע טערמינאָלאָגיע*

18. דער עקספּערטן־קאָמיטעט לגבי רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין אייראָפּע האָט אָפּגעגעבן בכּורה דעם טערמין "רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן" לגבי אַזעלכע אויסדרוקן ווי "ווייניקער פֿאַרשפּרייטע שפּראַכן". דער אַדיעקטיוו "רעגיאָנאַל" דעפֿינירט שפּראַכן וואָס ווערן גערעדט אין אַ געוויסן קלענערן טייל פֿון דעם לאַנדס טעריטאָריע, וואָס דאָרטן דערצו קענען זיי ווערן גערעדט פֿון דעם רובֿ רעדער. דער טערמין "מינדערהייט" באַציט זיך צו סיטואַציעס וואָס אין זיי ווערט די שפּראַך גערעדט פֿון מענטשן, וואָס זענען ניט קאָנצענטרירט אויף קיין באַזונדערן טייל טעריטאָריע פֿונעם לאַנד, אָדער פֿון אַ גרופּע מענטשן, וואָס איז קאָנצענטרירט אויף אַ טייל טעריטאָריע, אָבער איז קלענער, ווי די באַפֿעלקערונג פֿון דעם רעגיאָן, רעדנדיק די שפּראַך פֿון דעם רובֿ אינעם לאַנד. אַזוי אַרום, באַזירן זיך דיביידע אַדיעקטיוון אויף פֿאַקטישע קריטעריעס און ניט אויף געזעצלעכע באַגריפֿן. יעדנפֿאַלס, ווערן זיי געניצט, נעמענדיק אין באַטראַכט די לאַגע אין יעדער לאַנד (למשל, אַ מינדערהייט־שפּראַך אין איין לאַנד קען זײַן אַ שפּראַך פֿון דעם רובֿ אין אַן אַנדער לאַנד).

*עס ווערן ניט קעגנגעשטעלט פֿאַרשיידענע "קאַטעגאָריעס" פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן*

19. פֿאַר די מחברים פֿונעם געזעץ האָט זיך געשטעלט די פּראָבלעם פֿון דעם הויפּט־אונטערשייד אין דער לאַגע פֿון פֿאַרשיידענע רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין אייראָפּע. עטלעכע שפּראַכן זענען פֿאַרשפּרייט אויף אַ רעלאַטיוו גרויסער טעריטאָריע, ווערן גערעדט פֿון ממשותדיקער צאָל מענטשן און געניסן געוויסע מעגלעכקייטן פֿון אַנטוויקלונג און קולטורעלער סטאַביליטעט. אַנדערע שפּראַכן ווערן גערעדט פֿון אַ קליין טייל באַפֿעלקערונג, אויף אַ באַגרענעצטער טעריטאָריע אָדער אין אַ באַשײַמפּערלעכן מינדערהייט־קאָנטעקסט, זייער איבערלעבונג־ און אַנטוויקלונג־פּאָטענציאַל איז געשעדיקט.

20. פֿונדעסטוועגן, איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס ניט צו פּרוּוון צו דעפֿינירן פֿאַרשיידענע קאַטעגאָריעס שפּראַכן לויט זייער אָביעקטיווער לאַגע. אַזאַ צוגאַנג וואָלט ניט ריכטיק אָפּגעשפּיגלט די פֿיל־מיניקייט פֿון שפּראַכלעכע סיטואַציעס אין אייראָפּע. פּראַקטיש, שטעלט יעדער רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַך מיט זיך פֿאָר אַ באַזונדער פֿאַל, און עס האָט ניט קיין זינען צו פּרוּוון זיי צוצורעכענען צו דײַטלעכע קאַטעגאָריעס. די מחברים האָבן באַשלאָסן צו ניצן נאָר איין באַגריף - פֿון רעגיאָנאַלע און מינדערהייט־שפּראַכן. דאָס דערלויבט די לענדער צוצופּאַסן זייער טעטיקייט צו דער סיטואַציע פֿון יעדער רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַך באַזונדערס.

*קיין רשימה פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין אייראָפּע איז ניטאָ*

21. דער געזעץ ווײַזט ניט אָן, וואָסערע אייראָפּעישע שפּראַכן קענען דעפֿינירט ווערן ווי רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן (דער באַגריף ווערט דערקלערט אין דעם ערשטן אַרטיקל פֿונעם געזעץ). אין דער אמתן, האָט דער פּרעלימינאַרער איבערבליק פֿון דער שפּראַך־סיטואַציע אין אייראָפּע, אויסגעפֿירט פֿון דער שטענדיקער קאָנפֿערענץ פֿון קהילות און רעגיאָנען פֿון אייראָפּע, באַוועגט די מחברים פֿונעם געזעץ אויסצומײַדן צוצוגעבן צום געזעץ אַ רשימה פֿון רעגיאָנאַלע און מינדערהייט־שפּראַכן. ווי קאָמפּעטענט זאָלן זײַנע מחברים ניט זײַן, וואָלט אַזאַ רשימה געווען פּראָבלעמאַטיש און געוואָרן אַן אָביעקט פֿון אַ ברייטער דיסקוסיע – צוליב שפּראַכלעכע און אַנדערע סיבות. דערצו, וואָלט איר ווערט געווען באַגרענעצט, ווײַל, לויט דעם טייל 3 פֿון דעם געזעץ, האָבן די מלוכות אַליין דאָס רעכט צו באַשטימען, וועלכע אָנווײַזונגען מוזן אָנגעווענדט ווערן צו וועלכער שפּראַך, סײַ ווי סײַ. דער געזעץ לייגט פֿאָר פּאַסיקע לייזונגען פֿאַר פֿאַרשיידענע סיטואַציעס פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן, אָבער שטעלט ניט פֿעסט וואָס די ספּעציפֿישע סיטואַציע אין קאָנקרעטע פֿאַלן איז.

**די סטרוקטור פֿונעם געזעץ**

22. פֿון איין זײַט, שטעלט דער געזעץ פֿעסט אַ תּוך פֿון פּרינציפּן, פֿאָרמולירט אין טייל 2, וואָס ווערן אָנגעווענדט צו אַלע רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן. פֿון דער אַנדערער זײַט, שליסט טייל 3 אַ ריי ספּעציפֿישע אָנווײַזונגען לגבי דעם אָרט פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין פֿאַרשיידענע ספֿערעס פֿון קהילה־לעבן: די מלוכות קענען, מיט געוויסע באַוואָרענישן, באַשטימען, וועלכע פֿון די אָנווײַזונגען אָנצווענדן צו יעדער פֿון די שפּראַכן, געגרעדט אויף זייער טעריטאָריע. דערצו, האָבן מערערע אָנווײַזונגען עטלעכע מדרגות פֿון שטרענגקייט, און פֿון זיי קען אויסגעקליבן ווערן אַ פּאַסיקע מדרגה "לויט דער לאַגע פֿון יעדער שפּראַך".

23. אַזאַ בייגעוודיקייט העלפֿט אין אַכט נעמען די הויפּט־אונטערשיידן צווישן די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין זייער פֿאַקטישער לאַגע (צאָל פֿון רעדער, מדרגה פֿון דיזינטעגראַציע און אַזוי ווײַטער). אַחוץ דעם, נעמט זי אין באַטראַכט די קאָסטן פֿון פֿאַרשיידענע מיטלען און די אונטערשיידן צווישן די אייראָפּעישע לענדער אין זייערע אַדמיניסטראַטיווע און פֿינאַנץ־מעגלעכקייטן. אין דעם אַספּעקט איז וויכטיק, אַז אויף שפּעטערע שטאַפּלען מעגן די מלוכות אָננעמען צוגעבלעכע התחייבותן – ווען זייער יורודישע סיטואַציע וועט זיך אַנטוויקלען און אין דער מאָס, וואָס זייער פֿינאַנץ־לאַגע וועט עס דערלויבן.

24. לסוף, טייל 4 פֿונעם געזעץ שליסט אײַן אָנווײַזונגען לגבי אין־לעבן־פֿירן דעם געזעץ, קודם כּל – לגבי אויפֿשטעלונג פֿונעם אייראָפּעישן עקספּערטן־קאָמיטעט, וואָס וועט נאָכפֿאָלגן דעם פּראָצעס פֿון אָנווענדן דעם געזעץ.

**קאָמענטאַר אויף די געזעץ־אָנווײַזונגען**

**הקדמה**

25. אין דער הקדמה ווערן פֿאָרמולירט די סיבות פֿאַרן צוגרייטן דעם געזעץ און עס ווערט דערקלערט דער פֿילאָסאָפֿישער יסוד פֿון זײַן צוגאַנג.

26. דער ציל פֿונעם אייראָפּעישן ראַט איז צו פֿאַרשטאַרקן די אייניקייט צווישן די לענדער – זײַנע מיטגלידער, – כּדי צו פּראָטעזשירן זייערע געמיינזאַמע ירושה און אידעאַלן. די שפּראַך־פֿיל־מיניקייט איז איינער פֿון די ווערטפֿולסטע עלעמענטן פֿון דער אייראָפּעישער קולטור־ירושה. די קולטורעלע אידענטיטעט פֿון אייראָפּע קען זיך ניט באַזירן אויף שפּראַך־סטאַנדאַרטיזאַציע. פֿאַרקערט, די באַשיצונג און פֿאַרשטאַרקונג פֿון די טראַדיציאָנעלע רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן גיט צו שטײַער דעם בויען פֿון אייראָפּע, וואָס, לויט די

אידעאַלן פֿון די מיטגלידער פֿון דעם אייראָפּעישן ראַט, קען אויפֿגעבויט ווערן נאָר אויף פּלוראַליסטישע פּרינציפּן.

27. די הקדמה פֿאַררופֿט זיך אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך לגבי בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט פֿון דער יו.ען. און אויף דער אייראָפּעישער קאָנווענציע לגבי מענטשלעכע רעכט. דערצו, ווערן אין איר ציטירט די פּאָליטישע אָנווײַזונגען, אָנגענומען אין ראַמען פֿון דער קאָנפֿערענץ לגבי זיכערקייט און קאָאָפּעראַציע אין אייראָפּע. נעמענדיק אין באַטראַכט די איצטיקע שוואַכע לאַגע פֿון אַ ריי היסטאָרישע רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן פֿון אייראָפּע, מוז מען געדענקען, אַז בלויז פֿאַרווערן דיסקרימינאַציע פֿון זייערע רעדער קלעקט ניט צו באַשיצן זיי. נייטיק פֿאַר זייער אָפּהיטונג און אַנטוויקלונג איז באַזונדערע שטיצע, וואָס שפּיגלט אָפּ די אינטערעסן און באַגערן פֿון די רעדער פֿון די דאָזיקע שפּראַכן.

28. דער צוגאַנג, אָנגענומען אינעם געזעץ, רעספּעקטירט די פּרינציפּן פֿון נאַציאָנאַלער סוווערינטעט און טעריטאָריעלער גאַנצקייט. יעדער מלוכה מוז נעמען אין באַטראַכט די קולטורעלע און סאָציאַלעווירקלעכקייט, דער ציל פֿונעם געזעץ איז ניט צו שטערן די איצטיקע פּאָליטישע אָדער אינסטיטוציאָנאַלע אָרדענונג. פֿאַרקערט, די מיטדלידער־לענדער נעמען אָן די טעריטאָריעלע אָדער מלוכה־סטרוקטורן ווי זיי שטייען און גייען. זיי זענען זיכער, אַז אין יעדער לאַנד איז נייטיק אָנצנעמען אָרגאַניזירטע מיטלען צו פּראָטעזשיקן די שפּראַכן פֿון רעגיאָנען און מינדערהייטן.

29. די פֿעסטשטעלונג פֿון די פּרינציפּן פֿון אינטערקולטוראַליזם און פֿילשפּראַכיקייט העלפֿט אויסמײַדן די פֿאַלן, דער געזעץ זאָל ניט ריכטיק פֿאַרטײַטשט ווערן. ער האָט ניט קיין ציל אויף וועלכן ניט איז אופֿן אויסצוטיילן געוויסע שפּראַך־גרופּעס (און קעגנשטעלן זיי צו אַנדערע). פֿאַרקערט, דער געזעץ טוט אָנערקענען, אַז אין יעדער לאַנד איז נייטיק צו קענען די אָפֿיציעלע שפּראַך (אָדער איינע פֿון די אָפֿיציעלע שפּראַכן), דעריבער, קען מען קיין חשד האָבן, די אָנווײַזונגען פֿונעם געזעץ זאָלן האָבן אַ ציל צו שטערן די בירגער לערנען די אָפֿיציעלע שפּראַכן.

**טייל 1 - אַלגעמיינע אָנווײַזונגען**

**אַרטיקל 1 – דעפֿיניציעס**

*דעפֿיניציע פֿון "רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן" (אַרטיקל 1, פּאַראַגראַף א')*

30. די דעפֿיניציע, געניצט אינעם געזעץ, באַטאָנט דרײַ אַספּעקטן:

*שפּראַכן טראַדיציאָנעל געניצט פֿון די תּושבֿים פֿון דעם לאַנד:*

31. דער ציל פֿון דעם געזעץ איז ניט צו לייזן די פּראָבלעמען, אויסגערופֿענע פֿון אַנומלטיקער עמיגראַציע: עס זענען דאָ גרופּעס וואָס רעדן אַן אויסלענדישע שפּראַך אינעם לאַנד פֿון אימיגראַציע אָדער – צו מאָל – אינעם לאַנד פֿון זייער אָפּשטאַם, אינעם פֿאַל פֿון אומקערן זיך. בפרט, באַטראַכט ניט דער געזעץ דעם פֿענאָמען פֿון ניט־אייראָפּעישע גרופּעס וואָס האָבן אימיגרירט קיין אייראָפּע אַנומלט און האָבן באַקומען די בירגערשאַפֿט פֿון אַ געוויס אייראָפּעיש לאַנד. די אויסדרוקן "היסטאָרישע רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן" (זע אויך דעם צווייטן פּאַראַגראַף פֿון דער הקדמה) און די שפּראַכן, "טראַדיציאָנעל געניצט" אין דעם לאַנד (אַרטיקל 1, פּאַראַגראַף א') ווײַזן קלאָר, אַז דער געזעץ איז חל נאָר אויף היסטאָרישע שפּראַכן, דהיינו די וואָס זענען גערעדט געוואָרן שוין אַ לאַנגע צײַט אין באַטראַכטע לענדער.

*פֿאַרשיידענע שפּראַכן*

32. די דאָזיקע שפּראַכן מוזן קלאָר זיך אונטערשיידן פֿון די שפּראַכן, נאָענט צו זיי, אָדער פֿון די שפּראַכן, גערעדט פֿון דער רעשט באַפֿעלקערונג פֿון דעם לאַנד. אין דעם געזעץ גייט ניט די רייד וועגן רעגיאָנאַלע וואַריאַנטן אָדער פֿאַרשיידענע דיאַלעקטן פֿון דער זעלביקער שפּראַך. פֿונדעסטוועגן, פּרוּווט דער געזעץ ניט צו געבן אַן ענטגילטיקן ענטפֿער אויף אַן אָפֿט אַרומגערעדטע פֿראַגע – ווען צוויי פֿאַרשיידענע וואַריאַציעס שטעלן מיט זיך פֿאָר פֿאַרשיידענע שפּראַכן. די דאָזיקע פֿראַגע הענגט ניט אָפּ בלויז פֿון ריין שפּראַכלעכע ענייִנים, נאָר אויך פֿון פּסיכאָ־סאָציאָלאָגישע און פּאָליטישע פֿענאָמענען וואָס קענען פֿירן צו פֿאַרשיידענע ענטפֿערן אין פֿאַרשיידענע פֿאַלן. דעריבער וועלן די מלוכה זײַן פֿרײַ צו באַשטימען, בהסכּם מיט זייערע אייגענע דעמאָקראַטישע פּראָצעדורן, אין וואָסערע פֿאַלן שטעלן צוויי פֿאַרשיידענע וואַריאַציעס מיט זיך פֿאָר פֿאַרשיידענע שפּראַכן.

*טעריטאָריעלע באַזע:*

33. די שפּראַכן, באַטראַכטע אינעם געזעץ, זענען קודם כּל טעריטאָריעלע שפּראַכן, דהיינו שפּראַכן וואָס זענען טראַדיציאָנעל געניצט אין אַ געוויסער געאָגראַפֿישער געגנט. אָט פֿאַר וואָס דער געזעץ שטרעבט צו דעפֿינירט די "טעריטאָריע, אויף וועלכער די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַך ווערט געניצט". ס'איז ניט נאָר די טעריטאָריע, וווּ די שפּראַך דאָמינירט און ווערט גערעדט פֿון דעם רובֿ, ווײַל מערערע שפּראַכן זענען געוואָרן מינדערהייט־שפּראַכן אפֿילו אין די געגנטן, וואָס זענען געווען זייערע טראַדיציאָנעלע טעריטאָריעלע באַזעס. די סיבה, וואָס צוליב איר קאָנצענטרירט זיך דער געזעץ עיקרשט אויף די שפּראַכן וועלכע האָבן אַ טעריטאָריעלע באַזע, באַשטייט אין דעם, אַז דאָס רובֿ

מיטלען, וואָס דער געזעץ לייגט פֿאָר, פֿאָדערן די דעפֿיניציע פֿון אַ געאָגראַפֿישן אָנווענדונג־תּחום, אַנדערש פֿון דעם גאַנצן לאַנד. פֿאַרשטענלדעך, זענען דאָ סיטואַציעס, אין וועלכע ווערט אויף דער באַטראַכטער טעריטאָריע גערעדט מער ווי איין רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַך, - דער געזעץ איז חל אויך אויף אַזעלכע סיטואַציעס.

*דעפֿיניציע פֿון דער טעריאָריע פֿון אַ רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך (אַרטיקל 1, פּאַראַגראַף ב')*

34. געמיינט ווערט די טעריטאָריע ווו אַ רעגיאָנאַלע אָדער אַ מינדערהייט־שפּראַך ווערט גערעדט אין אַ גרויסער מאָס, אַפֿילו אויב נאָר פֿון אַ מינדערהייט, אין דער טעריטאָריע, וואָס שטימט צו צו איר היסטאָרישן מקור. אַזוי ווי די טערמינען, געניצט אינעם געזעץ, זענען אומפֿאַרמײַדלעך בייגעוודיק, מעג די מלוכה דעפֿינירן פּינקטלעכער, אויפֿן סמך פֿונעם געזעץ, דעם באַגריף פֿון דער טעריטאָריע פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן, נעמענדיק אין באַטראַכט די פֿאַרשרײַבונגען פֿונעם אַרטיקל 7, פּאַראַגראַף 1 ב', לגבי באַשיצונג פֿון דער טעריטאָריע פֿון אַזעלכע שפּראַכן.

35. אַ שליסל־אויסדרוק פֿון דער אָנווײַזונג איז "די צאָל מענטשן, וואָס באַרעכטיקן דאָס אָננעמען פֿאַרשיידענע מיטלען פֿון שוץ און אַנטוויקלונג". די מחברים פֿונעם געזעץ האָבן באַשלאָסן ניט צו באַשטימען אַ געוויסן פּראָצענט פֿון רעדער פֿון אַ רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך, די באַשריבענע מיטלען זאָלן אָנגעווענדט ווערן פֿון אים אָן. זיי האָבן אויסגעקליבן צו לאָזן די מלוכות אַליין באַשטימען, אויפֿן סמך פֿונעם געזעץ און לויט דער טבֿע פֿון יעדער מיטל, וואָס די פּאַסיקע צאָל שפּראַך־רעדער איז כּדי אָנצווענדן געוויסע מיטלען.

*דעפֿיניציע פֿון "ניט־טעריטאָריעלע שפּראַכן" (אַרטיקל 1, פּאַראַגראַף ג')*

36. "ניט־טעריטאָריעלע שפּראַכן" זענען אויסגעשלאָסן פֿון דער קאַטעגאָריע פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן, ווײַל זיי האָבן ניט קיין טעריטאָריעלע באַזע. אָבער אין אַנדערע הינזיכטן פּאַסן זיי צו דער דעפֿיניציע, געבראַכט אין אַרטיקל 1, פּאַראַגראַף א', זײַענדיק שפּראַכן, טראַדיציאָנעל געניצט אויף דער טעריטאָריע פֿון דעם לאַנד און פֿון בירגער פֿון דעם לאַנד. בײַשפּילן פֿון אַזעלכע שפּראַכן זענען ייִדיש און ציגײַנערש.

37. בשעת די דאָזיקע שפּראַכן האָבן ניט קיין טעריטאָריעלע באַזע, קען נאָר אַ טייל פֿון דעם געזעץ אָנגעווענדט ווערן צו זיי. למשל, דער ציל פֿון דעם רובֿ אָנווײַזונגען פֿון טייל 3 איז צו באַשיצן און פּראָטעזשירן רעגיאָנאַלע און מינדערהייט־שפּראַכן אויף די טעריטאָריעס ווו זיי ווערן געניצט. טייל 2 איז פּשוטער אָנצווענדן צו ניט־טעריטאָריעלע שפּראַכן, אָבער נאָר מיט געוויסע

ענדערונגען און אויף באַדינגונגען, באַשריבן אין אַרטיקל 7, פּאַראַגראַף 5.

**אַרטיקל 2 –אונטערנעמונגען**

38. אַרטיקל 2 שטעלט קעגן די צוויי הויפּט־טיילן פֿונעם געזעץ – טייל 2 און טייל 3.

*אָנווענדונג פֿון טייל 2 (אַרטיקל 2, פּאַראַגראַף 1)*

39. טייל 2 האָט אַן אַלגעמיינעם פֿאַרנעם און ווערט אין זײַן גאַנצקייט אָנגעווענדט צו אַלע רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן, גערעדט אויף דער טעריטאָריע פֿון דעם לאַנד. פֿונדעסטוועגן, ווען מען באַצייכענען, אַז דאָס ניצן פֿון דעם אויסדרוק "לויט דער סיטואַציע פֿון יעדער שפּראַך" ווײַזט, אַז דער טייל געזעץ איז פֿאָרמולירט אַזוי, ער זאָל פּאַסן צו דעם גרויסן ספּעקטער שפּראַך־סיטואַציעס, וואָס זענען דאָ אין פֿאַרשיידענע אייראָפּעיִשע לענדער ווי אויך אין יעדער לאַנד. בפֿרט, לויט דעם ערשטן פּאַראַגראַף, מוזן די מלוכות צופּאַסן זייערע פּאָליטיק, געזעצגעבונג און פּראַקטיק צו אַ ריי פּרינציפּן און טעמים. זיי ווערן פֿעסטגעשטעלט אויף אַן אַלגעמיינעם אופֿן און דערלויבן די באַטראַכטע מלוכות אַ געוויסע פֿרײַהייט אין זייער פֿאַרטײַטשונג און אָנווענדונג (זע דערקלערונגען אונטן, לגבי טייל 2).

40. כאָטש די מלוכות זענען ניט פֿרײַ צו געבן אָדער אָפּצוזאָגן אַ רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך דעם סטאַטוס, וואָס איז איר גאַראַנטירט בהסכּם מיטן טייל 2 פֿונעם געזעץ, זענען זיי פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דעם באַשלוס, צי אַ געוויסע שפּראַך־וואַריאַציע, געניצט אין אַ געוויסער טייל פֿון דער לאַנד־טעריטאָריע פֿון אַ געוויסער גרופּע זייערע בירגער, קען טאַקע גערעכנט ווערן אַ רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַך לויט דעם געזעץ.

*אָנווענדונג פֿון טייל 3 (אַרטיקל 2, פּאַראַגראַף 2)*

41. דער ציל פֿון דעם טייל 3 איז צוצופּאַסן צו די אַלגעמיינע פּרינציפּן, פֿעסטגעשטעלט אין טייל 2, געווּיִע כּללים. ער צווינגט די באַטייליקטע מלוכות אָנצוּווענדן ניט נאָר די אָנווײַזונגען פֿונעם טייל 2, נאָר אויך יענע פֿונעם טייל 3, וואָס זיי האָבן אויסגעקליבן. כּדי דער געזעץ זאָל קענען צוגעפּאַסט ווערן צו אַ ריי שפּראַך־סיטואַציעס, וואָס זענען דאָ אין פֿאַרשיידענע אייראָפּעיִשע לענדער, האָבן די מחברים פֿונעם געזעץ געלאָזט אַ מעגלעכקייט פֿאַר אַ צוויי־שטאַפּלדיקער מאָדולאַציע: ערשטנס, מעגן די מלוכות אַליין צונויפֿשטעלן אַ רשימה פֿון שפּראַכן, צו וועלכע זיי זענען זיי מסכּים אָנצוּווענדן דעם טייל 3, און, צווייטנס, פֿאַר יעדער אַזאַ שפּראַך מעגן זיי אויסקלײַבן די אָנווײַזונגען פֿונעם טייל 3, וועלכע זיי זענען זיך מחויבֿ צו פֿאָלגן.

42. אַ מיטגליד־מלוכה מעגן, ניט ברעכנדיק דעם זעזעץ, אָנערקענען, אַז אַ געוויסע רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַך איז פֿאַראַן אויף דער טעריטאָריע פֿון דעם לאַנד, אָבער אויסקלײַבן, צוליב אירע אייגענע סיבות, ניט צו לאָזן די שפּראַך גענים פֿון די אָנווײַזונגען פֿונעם טייל 3 פֿונעם געזעץ. אָבער ס'איז קלאָר, אַז די סיבות, וואָס צווינגען די מלוכה אָפּצונעמען פֿון רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך די שוץ לויטן טייל 3, מוזן זײַן פֿאַרגלײַכבאַר צו דעם גײַסט, די טעמים און די פּרינציפּן פֿונעם געזעץ.

43. די מלוכה, וואָס האָט מסכּים געווען אָנצוּווענדן דעם טייל 3 צו אַ רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך, גערעדט אויף איר טעריטאָריע, מוז נאָך באַשליסן, וועלכע אָנווײַזונגען פֿונעם טייל 2 דאַרף מען אָנווענדן צו יעדער באַזונדערער רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך. לויטן פּאַראַגראַף 2 פֿונעם אַרטיקל 2, זענען די מיטלגידער־מלוכות מחויבֿ אָנצוּווענדן לכּל הפּחות 35 פּאַראַגראַפֿן אָדער אונטערפּאַראַגראַפֿן, אויסגעקליבענע פֿון די אָנווײַזונגען פֿונעם טייל 3. די ראָלע פֿון דער מלוכה אין אויסקלײַבן נייטיקע פֿון פֿאַרשיידענע פּאַראַגראַפֿן וועט באַשטיין אין צופּאַסן דעם געזעץ נאָענט ווי מעגלעך צו באַזונדערן קאָנטעקסט פֿון יעדער רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך.

44. פֿאַר דעם ציל זענען אינעם אַרטיקל 2, פּאַראַגראַף 2 פֿאָרמולירט מינימאַלע באַדינגונגען, נייטיק, כּדי די מיטגלידער־מלוכות זאָלן קענען פֿאַרשפּרייטן זייערע באַמיִונגען צווישן פֿאַרשיידענע אַרטיקלען פֿונעם געזעץ און דערמיט גאַראַנטירן, אַז קיין וויכטיקער תּחום אינעם פֿאַרטיידיקן די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן זאָל ניט פֿאַרגעסן ווערן (בילדונג, יורידישע טעטיקייט פֿון דער מלוכה, אַדמיניסטראַטיווע טעטיקייט און געזעלשאַפֿטלעכע דינסטן, מעדיאַ, קולטורעלע אַקטיוויטעטן און מעגלעכקייטן, ווירטשאַפֿטלעך און סאָציאַל לעבן).

45. דער אויסדרוק "פּאַראַגראַפֿן אָדער אונטערפּאַראַגראַפֿן" באַצייכנט באַזונדערע, אומאָפּהענגיקע אָנווײַזונגען פֿונעם געזעץ. אַזוי אַרום, אויב אַ מלוכה קלײַבט אויס דעם פּאַראַגראַף 3 פֿון אַרטיקל 9, וועט דער פּאַראַגראַף זיך רעכענען ווי איין איינס פֿאַר צילן פֿונעם אַרטיקל 2, פּאַראַגראַף 2. דאָס זעלביקע איז חל, אויב אַ מלוכה נעמט אָן אונטערפּאַראַגראַף ז' פֿונעם אַרטיקל 8, פּאַראַגראַף 1. אויב אַ פּאַראַגראַף אָדער אַן אונטערפּאַראַגראַף שליסט אײַן עטלעכע מעגלעכקייטן, וועט יעדער אויסגעקליבענע אָפּציע מיט זיך פֿאָרשטעלן אַן אונטערפּאַראַגראַף פֿאַר די צילן פֿונעם אַרטיקל 2, פּאַראַגראַף 2. למשל, אויב אַ מלוכה וועט אויסקלײַבן די אָפּציע א'־3 אין פּאַראַגראַף 1 פֿונעם אַרטיקעל 8, וועט דער דאָזיקער טעקסט גערעכנט ווערן אַן "אונטערפּאַראַגראַף". ענדערש איז די לאַגע, אויב די אָפּציעס שליסן זיך ניט אומבאַדינגט קעגנזײַטיק אויס און קענען אָנגענומען ווערן גלײַכצײַטיק. אַזוי אַרום, אין אַרטיקל 9, אויב אַ מלוכה קלײַבט אויס אָפּציעס א'-3 און א'-4 אין פּאַראַגראַף 1, וועלן די דאָזיקע טעקסטן אויך גערעכנט ווערן צוויי אונטערפּאַראַגראַפֿן אין אַרטיקל 2.

46. דער ציל פֿון די דאָזיקע אָפּציעס איז אַרײַנצוברענגען מער בייגעוודיקײַט אין דעם געזעץ, כּדי צו נעמען אין באַטראַכט גרויסע אונטערשיידן צווישן פֿאַקטישע לאַגעס פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן. ס'איז קלאָר אַז געוויסע אָנווײַזונגען, וואָס זענען פֿולקום צוגעפּאַסט צו אַ רעגיאָנאַלער שפּראַך, געניצט פֿון אַ גרויסער צאָל רעדער, פּאַסן ניט צו אַ מינדערהייט־שפּראַך, גערעדט פֿון ווייניק מענטשן. די ראָלע פֿון די מלוכות וועט ניט זײַן אויסצוקלײַבן איינע פֿון די צוויי אַלטערנאַטיוון, נאָר אויסצוזוכן פֿאַר יעדער רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך אַ פֿאָרמולירונג וואָס שפּיגלט אָפּ צום בעסטן אירע אייגנשאַפֿטן און דעם שטאַפּל פֿון איר אַנטוויקלונג. דער ציל פֿון אַזעלכע אַלטערנאַטיווע פֿאָרמולירונגען איז קלאָר אַרויסגעבראַכט אינעם טעקסט פֿון אַנטשפּרעכיקע אַרטיקלען אָדער פּאַראַגראַפֿן פֿונעם טייל 3, וועכלע דערמעגלעכן עס, אָנצוּווענדן די פֿאָרמולירונגען "לויט דער לאַגע פֿון יעדער שפּראַך". אין אַלגעמיין גענומען, ווען קיין אַנדערע רעלעוואַנטע פֿאַקטאָרן זענען ניטאָ, מיינט עס, אַז וואָס העכער איז די צאָל רעדער פֿון אַ רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך און וואָס האָמאָגען איז די באַפֿעלקערונג פֿונעם רעגיאָן, אַלץ "שטאַרקערע" אָפּציע קען אָנגענומען ווערן. אַ מילדערע אַלטערנאַטיוו מוז אָנגענומען ווערן, נאָר ווען די שטאַרקערע אַלטערנאַטיוו קען מען ניט אָנווענדן צוליב דער לאַגע פֿון דער באַטראַכטער שפּראַך.

47. אַזוי אַרום, וועלן זי מלוכות אַליין מעגן אויסקלײַבן אָנווײַזונגען פֿונעם טייל 3, וואָס פֿורעמען אַ בינדיק גערעם, צוגעפּאַסט צו באַזונדערער סיטואַציע פֿון יעדער שפּראַך. זיי מעגן אויך, אויב זיי ווילן, אָננעמען אַן אַלגעמיין גערעם פֿאַר אַלע שפּראַכן אָדער פֿאַר אַ טייל שפּראַכן.

אַרטיקל 3 - פּראַקטישע פלענער

48. דער אַרטיקל 3 באַשרײַבט די פּראָצעדור פֿון פֿירן־אין־לעבן די פּרינציפּן, אָנגעוואָרפֿן אינעם אַרטיקל 2: יעדער מיטגליד־מלוכה מוז באַצייכענען אין אירע דאָקומענטן פֿון ראַטיפֿיקאַציע, אָננעמונג, הסכּמה אָדער פֿאַרגילטיקונג, קודם כּל, די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן, וואָס אויף זיי זענען חל די אָנווײַזונגען פֿונעם טייל 3, צווייטנס, די פּאַראַגראַפֿן פֿונעם טייל 3, אויסגעקליבן פֿאַר אָנווענדונג צו יעדער שפּראַך. די אויסגעקליבענע פּאַראַגראַפֿן זענען ניט אומבאַגינגט די זעלביקע פֿאַר יעדער שפּראַך.

49. דער געזעץ, אין זײַן אַרטיקל 2, צווינגט די לענדער ניט אָנצונעמען אי טייל 2, אי טייל 3, ווײַל אַ לאַנד קען זיך באַגרענעצן צו ראַטיפֿיצירן די קאָנווענציע, ניט אויסקלײַבנדיק קיין שפּראַך, וואָס צו אים זאָל אָנגעווענדט ווערן טייל 3. אין אַזאַ פֿאַל, וועט מען צו אים אָנווענדן נאָר טייל 2. אין אַלגעמיין, פֿאָדערט דער

גײַסט פֿונעם געזעץ, די לענדער זאָלן אויסניצן די מעגלעקייטן, פֿאָרגעלייגט פֿון טייל 3, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם עיקר פֿון דער שוץ, וואָס דער געזעץ שטעלט צו.

50. ס'איז קלאָר, אַז אין יעדער צײַט קען אַ לאַנד אָננעמען נײַע התחייבֿותן, למשל פֿאַרברייטערנדיק אויף נאָך אַ רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַך די מעלות פֿון די אָנווײַזונגען פֿון טייל 3 פֿונעם געזעץ אָדער אָננעמענדיק, מיט דרך־ארץ צו דער שפּראַך אָדער צו די אַלע רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן, גערעדט אויף זײַן טעריטאָריע, די פּאַראַגראַפֿן פֿון דעם געזעץ, וואָס עס האָט פֿריער ניט אָנגענומען געהאַט.

51. די פֿאָרמולירונג פֿון אַרטיקל 3 נעמט אין אַכט די לאַגע אין געוויסע מיטגלידער־לענדער. דערבײַ קען אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, וואָס האָט אַ סטאַטוס פֿון אַן אָפֿיציעלער שפּראַך פֿונעם לאַנד – אויף זײַן גאַנצער טעריטאָריע אָדער אויף זײַן טייל- געראָטן אין אַ סיטואַציע, ענלעך אויף יענער פֿון די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן, ווי זי איז דיפֿינירט אין אַרטיקל 1, פּאַראַגראַף א', ווײַל די שפּראַך ווערט געניצט פֿון אַ גרופּע, וואָס איז קלענער פֿון דער באַפֿעלקערונג, ניצנדיק די אַנדדערע אָפֿיציעלע שפּראַכ(ן). אויב אַ מלוכה וויל, אַזאַ אָפֿיציעלע שפּראַך - וואָס איז ווייניקער ברייט געניצטף ווי אַנדערע – זאָל באַשיצט און פּראָטעזשירט ווערן פֿונעם געזעץ, מעג זי באַשליסן, דער געזעץ זאָל חל זײַן אויף אויף איר. אַזאַ פֿאַרברייטערונג פֿונעם געזעץ אויף אַן אָפֿיציעלער שפּראַך איז ניצלעך אויך פֿאַר אַנדערע זײַנע אַרטיקלען, בתוכם אַרטיקל 4, פּאַראַגראַף 2.

**אַרטיקל 4 – עקזיסטירנגיקע רעזשימען פֿון פֿאַרטיידיקונג**

52. דער דאָזיקער אַרטיקל גייט אָן די קאָמבינאַציע פֿון דעם געזעץ און דער געזעצגעבונג פֿון די באַטראַכטע לענדער אָדער אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן, וואָס באַשטימען דעם סטאַטוס פֿון שפּראַך־מינדערהייטן.

53. אין די לענדער, ווו געוויסע מינדערהייט־שפּראַכן געניסן שוין פֿונעם סטאַטוס, באַשטימט אין אַן אינערן געזעץ אָדער לויט אַן אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך, איז דער ציל פֿונעם געזעץ אַוודאי ניט צו מינערן די רעכט און גאַראַנטיעס, וואָס ווערן אָנערקענט פֿון די דאָזיקע דאָקומענטן. דער געזעץ גיט צו זײַן שוץ צו די דאָזיקע רעכט און גאַראַנטיעס. ווען עס זענען דאָ אַ רײי אָנווײַזונגען לגבי די זעלביקע אַספּעקטן, מוז די גינציקסטע אָנגעווענדט ווערן. אַזוי אַרום, אויב אין אינערע געזעצן אָדער אין אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן זענען דאָ באַגרענעצנדיקע אָנווײַזונגען, מוז דאָס ניט זײַן קיין מיכשול צו דער אָנווענדונג פֿונעם געזעץ.

54. פּאַראַגראַף 1 פֿון דעם אַרטיקל גייט אָן דעם באַזונדערן פֿאַל פֿון די רעכט, גאַראַנטירט פֿון דער אייראָפּעישער קאָנווענציע לגבי מענטשלעכע רעכט. זײַן ציל

איז אויסצושליסן אַ סיטואַציע, די אָנווייַזונגען פֿונעם געזעץ זאָלן קענען פֿאַרטייַטשט ווערן ווי אַ מיטל צו מינערן די שוץ פֿון מענטשלעכע רעכט.

**אַרטיקל 5 – עקזיסטירנדיקע התחייבֿותן**

55. ווי עס איז שוין באַצייכנט אין דער הקדמה, מוז דאָס באַשיצן און פּראָטעזשירן די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן, וואָס איז אַן אַלגעמיינער טעם פֿונעם געזעץ, אויסגעפֿירט ווערן אינעם גערעם פֿון נאַציאָנאַלער סוווערעניטעט און טעריטאָריעלער גאַנצקייט. אין דעם אַרטיקל שטייט קלאָר געשריבן, אַז די עקזיסטירנדירע התחייבֿותן פֿון די זייַטן בלייַבן פֿעסט. למשל, דער פֿאַקט, אַז אַ מלוכה, וואָס האָט ראַטיפֿיצירט דעם געזעץ, האָט אָנגענומען געוויסע התחייבֿותן לטובֿת אַ רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך, - קען ניט אויסגעניצט ווערן פֿון אַן אַנדער מלוכה, וואָס האָט אַ באַזונדערן אינטערעס אין דער שפּראַך, אָדער פֿון די רעדער פֿון דער שפּראַך – ווי אַ תּירוץ כּדי אונטערצונעמען אַ טוּונג, וואָס מעג באַדראָען די סוּווערינטעט און די טעריטאָריעלע גאַנצקייט פֿון יענער מלוכה.

**אַרטיקל 6 – אינפֿאָרמאַציע**

56. די סיבה פֿון אונטערנעמונגען צוצושטעלן אינפֿאָרמאַציע, ווי עס איז באַשריבן אים דעם אַרטיקל, באַשטייט אין דעם, אַז דער געזעץ קען ניט זייַן פֿולקום עפֿעקטיוו, אויב די מלוכות, אָרגאַניזאַטאָרן און יחידים זענען ניט אינפֿאָרמירט פֿון התחייַבֿותן וואָס דרינגען אַרויס פֿונעם אַרטיקל.

**טייל 2 – צילן און פּרינציפּן**
**(אַרטיקל 7)**

*רשימה פֿון צילן און פּרינציפּן איז אײַנגעשלאָסן ינעם געזעץ (אַרטיקל 7, פּאַראַגראַף 1)*

57. די דאָזיקע אָנווייַזונגען גייען אָן קודם כּל צילן און פּרינציפּן- און ניט געווייע פֿאָרם פֿון פּירן דעם געזעץ אין לעבן. די דאָזיקע צילן און פּרינציפּן וועלן בילדן דאָס גערעם פֿאַר אָפּהיטן די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן. זיי זענען געטיילט אויף זעקס הויפּט־קאַטעגאָריעס.

*אָנערקענונג פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן (אַרטיקל 7, פּאַראַגראַף 1.א')*

58. דאָס איז אַ פֿראַגע פֿון אָנערקענען די עקזיסטענץ פֿון די דאָזיקע שפּראַכן און לעגיטימאַציע פֿון ניצן זיי. אַזאַ אָנערקענונג דאַרף ניט געפּלאָנטערט ווערן מיט אָנערקענונג פֿון אַ שפּראַך ווי אַן אָפֿיציעלע שפּראַך. אָנערקענען די עקזיסטענץ פֿון אַ שפּראַך איז אַ באַדינגונג, נייטיק כּדי צו נעמען אין באַטראַכט אירע באַזונדערע

אייגנשאַפֿטן און באַדערפֿענישן און צו פּועלן צו איר טובֿה.

*אָנערקענונג פֿון געאָגראַפֿישן אַרעאַל פֿון יעדער רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך (אַרטיקל 7, פּאַראַגראַף 1. ב')*

59. כאָטש דער געזעץ שטרעבט צו ג אַ צושטימונג צווישן דער טעריטאָריע פֿון אַ רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך און אַן אַדמיניסטראַטיוון טעריטאָריעלן איינס, - איז קלאָר, אַז דער ציל קען ניט דערגרייכט ווערן אין אַלע פֿאַלן, ווײַל די מאָדעלן פֿון באַפֿעלקערונג־פֿאַרשפּרייטונג קען זײַן צו קאָמפּליצירט און די באַשטימונג פֿון טעריטאָריעלע איינסן און זייערע גרענעצן קען באַרעכטיקט אָפּהענגען פֿון טעמים, אַנדערש פֿון ניצן אַ שפּראַך. אַזוי אַרום, פֿאָדערט ניט דער געזעץ, די טעריטאָריע פֿון אַ רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך זאָל זיך אין אַלע פֿאַלן צונויפֿפֿאַלן מיט אַן אַדמיניסטראַטיוון רעגיאָן.

60. פֿון דער אַנדערער זײַט, שאַצט דער געזעץ לגנאי פּראַקטיקן צו פֿורעמען די גרענעצן אַזוי, זיי זאָלן מאַכן דאָס ניצן אָדער גאָר איבערלעבן פֿון אַ שפּראַך שווערער אָדער צו צעטיילן אַ שפּראַך־קהילה צווישן אַ ריי אַדמיניסטראַטיווע אָדער טעריטאָריעלע איינסן. אויב אַדמיניסטראַטיווע איינסן קענען ניט צוגעפּאַסט ווערן צו דער עקזיסטענץ פֿון אַ רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך, מוזן זיי לכּל־הפּחות בלײַבן נייטראַל און האָבן ניט קיין נעגאַטיוון עפֿעקט אויף דער שפּראַך. בפֿרט, מוז די קהילה־ אָדער רעגיאָנאַלע אַדמיניסטראַציע קענען אויספֿירן אירע התחייבֿותן לגבי די דאָזיקע שפּראַכן.

נייטיקייט פֿון פּאָזיטיווער דיסקרימינאַציע לטובֿת רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן (אַרטיקל 7, פּאַראַגראַף 1 ג' און ד')

61. ס'איז קלאָר הײַנט, אַז, צוליב שוואַכער פּאָזיציע פֿון מערערע רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן, קלעקט בלויז דאָס פֿאַרווערן פֿון דיסקרימינאַציע ניט, כּדי צו גאַראַנטירן זייער איבערלעבונג. זיי דאַרפֿן פּאָזיטיווע שטיצע. די דאָזיקע אידעע איז אַרויסגעבראַכט אינעם פּאַראַגראַף 1 ג'. לויט דעם פּאַראַגראַף, ווערן די מלוכות אַליין געלאָזט אויסקלײַבן, אויף וועלכן אופֿן צו פּועלן כּדי צו פּראָטעזשירן רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכ און זיי צו באַהיטן, - אָבער דער געזעץ באַטאָנט, אַז אַזאַ טעטיקייט מוז זײַן צילוויסיק.

62. מער פֿון דעם, לויטן פּאַראַגראַף 1 ד', מוזן די פּראָטעזשירן־מאָסמיטלען אײַנשליסן טעטיקייט לטובֿת דער מעגלעכקייט צו ניצן די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן פֿרײַ, אי מינדלעך אי שריפֿטלעך, ניט נאָר אין פּריוואַט לעבן און אין אינדיווידועלע באַציונגען, נאָר אויך אין קהילה־לעבן, דהיינו אין גערעם פֿון אינסטיטוציעס, סאָציאַלע אַקטיוויטעטן און עקאָנאָמיש לעבן. אַן אָרט, וואָס אַ רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַך קען פֿאַרנעמען אין געזעלשאַפֿטלעכע

קאָנטעקסטן, הענגט אוודאי אָפּ פֿון אירע אייגנשאַפֿטן און ענדערט זיך פֿון אַ שפּראַך צו אַ שפּראַך. דער געזעץ שטעלט ניט קיין גענויע צילן אין דעם תּחום, אָבער פֿערדערט באַמיִונגען לטובֿת פּראָטעזשירן די באַטראַכטע שפּראַכן.

*גאַראַנטיעס פֿון לערנען די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַך (אַרטיקל 7, פּאַראַגראַף 1 ו' און ח')*

63. אַ מכריעדיקער פֿאַקטאָר אין אויסהאַלטן און אָפּהיטן די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן איז דער אָרט וואָס זיי האָבן אין דער בילדונג־סיסטעם. דער דאָזיקער פּרינציפּ איז פֿעסטגעשטעלט אינעם טייל 2 פֿונעם געזעץ, און די מאָסמיטלען פֿון אין־לעבן־פֿירן דעם פּרינציפּ מעגן די מלוכות אַליין אויסקלייַבן און באַשטימען. פֿונדעסטוועגן, פֿאָדערט ער, רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן זאָלן פֿאָרגעשטעלט ווערן "אויף אַלע פּאַסיקע שטאַפּלען" פֿון דער בילדונג־סיסטעם. די איינאָרדענונגען פֿון לערנען די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט שפּראַך וועלן אַוודאי פֿאַרשיידן זיין, אָפּהענגיק פֿון דעם בילדונג־ניוואָ. בפּרט, אין געוויסע פֿאַלן, וועט מען מוזן באַשטימען, צי מע וועט לערנען אויף דער שפּראַך אָדער די שפּראַך גופא. נאָר דאָס לערנען די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַך אויף ניוואָען, פֿאַר וועלכע איז די דאָזיקע שפּראַך ניט פּאַסיק צוליב אירע אייגנשאַפֿטן, קען געלאָזט ווערן אויסן באַטראַכט.

64. בשעת פּאַראַגראַף 1 ו' פּראָקלאַמירט לערנען די שפּראַך אָדער אויף דער שפּראַך ווי אַ כּלי פֿון איבערגעבן די שפּראַך צו ווייַטערע דורות, איז דער ציל פֿונעם פּאַראַגראַף 1 ח' צו פּראָטעזשירן און צו אַנטוויקלען די לימודים און פֿאָרשונג פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין אוניווערסיטעטן אָדער אין אַנדערע אַקאַדעמישע אינסטיטוציעס, ווייַל אַזאַ טעטיקייט איז נייטיק פֿאַר אַנטוויקלען די שפּראַכן, זייער ווערטער־אוצר, גראַמאַטיק און סינטאַקס. דאָס פּראָטעזשירן פֿון אַזעלכע לימודים איז אַ טייל פֿון דער פּראָגראַם פֿון פּראָטעזשירן רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן כּדי אָנצומטיקן זייער מהותיקן פּראָגרעס.

*מעגלעכקייטן, געגעבן צו ניט־רעדער פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן כּדי זיי צו באַהערשן (אַרטיקל 7, פּאַראַגראַף 1 ז')*

65. די רעדער פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן ווייסן, אַז, פֿאַר זייער פּערזענלעכער רעאַליזאַציע, מוזן זיי קענען די אָפֿיציעלע שפּראַך. אָבער, כּל־זמן עס ווערט באַטאָנט אין דער הקדמה די ווערט פֿון אינטערקולטוראַליזם און פֿילשפּראַכיקייט, ווערט געוווּנטשט, דער גייַסט פֿון אויפֿנעמיקייט צו אַ ריי שפּראַכן זאָל זאָל אָנגיין ניט נאָר צו די רעדער פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן. כּדי צו פֿאַרלייַכטערן די קאָמוניקאַציע און פֿאַרשטענדניש צווישן שפּראַך־גרופּעס, ווערן די מלוכות צוגערופֿן צוצושטעלן מעגלעכקייטן צו די ניט־רעדער פֿון דער שפּראַך זי צו לערנען, אויב זיי ווילן, אויף טעריטאָריעס, ווו ס'איז דאָ אַזאַ שפּראַך.

66.  ס'איז גוט געוווּסט, אַז אין עטלעכע לענדער האָט די מלוכה אַ ציל, די רעגיאָנאַלע שפּראַך זאָל כּסדר גערעדט ווערן אין דער געגנט, און זי נעמט אָן מאָסמיטלען, די תּושבֿים זאָלן קענען די שפּראַך, אפֿילו אויב זי איז ניט זייער מאַמע־לשון. אַזאַ פּאָליטיק איז ניט סותר דעם געזעץ, אָבער זי איז ניט דער הויפּטציל פֿונעם פּאַראַגראַף 1 ז'. דער דאָזיקער פּאַראַגראַף שטרעבט נאָר צו גאַראַנטירן גרעסערע קעגנזײַטיקע דורכדרינגלעכקייט צווישן די שפּראַך־גרופּעס.

*באַציִונגען צווישן גרופּעס, וואָס רעדן אַ רעגיאָנאַלע אָדער אַ מינדערהייט־שפּראַך (אַרטיקל 7, פּאַראַגראַף 1 ה' און ט')*

67.  ס'איז נייטיק, די גרופּעס, וואָס רעדן די זעלבע רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַך, זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט פֿון קולטורעלן אויסטויש און פֿון אַנטוויקלונג פֿון זייערע באַציִונגען, כּדי צוזאַמען צו געבן צושטײַער צו אָפּהיטן און באַרײַכערן זייער שפּראַך. דער געזעץ שטרעבט אויסצומײַדן די לאַגע, ווען פֿראַגמענטירטע מאָדעלן פֿון יִישובֿ, אַדמיניסטראַטיווע צעטיילונגען אין מיטן אַ לאַנד אָדער אַ סיטואַציע, ווען אַזעלכע גרופּעס לעבן אין פֿאַרשיידענע לענדער, -זענען אַ מיכשול פֿאַר באַציונגען צווישן זיי.

68.  אמת, אַזאַ באַוווּסטזיניקייט צו אידענטיטעט, געמיינזאַם פֿאַר רעדער פֿון אַ רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך, טאָר ניט האָבן נעגאַטיווע רעזולטאַטן, ווי געפֿיל פֿון אויסשליסלעכקייט אָדער מאַרגינאַליזאַציע אין באַציִונגען צו אַנדערע סאָציאַלע גרופּעס. אַזוי אַרום, דינט דער פּראָגראַם פֿון אַנטוויקלען די קולטורעלע באַציִונגען מיט רעדער פֿון פֿאַרשיידענע רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן דעם ציל אי פֿון קולטורעלער באַרײַכערונג אי פֿון הייבן פֿאַרשטענדעניש צווישן אַלע גרופּעס אין לאַנד.

69.  פּאַראַגראַף 1 ט' גיט צו נאָך אַ געמעסט: אַזעלכע באַציִונגען זאָלן קענען זיך אַנטוויקלען אויך איבער נאַציאָנאַלע גרענעצן, אויב עס זענען דאָ גרופּעס, וואָס רעדן די זעלביקע אָדער ענלעכע רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן, צעשפּרייט איבער עטלעכע לענדער. לויט דער דעפֿיניציע, ווערן די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכ, גערעדט אינעם פֿון רעלאַטיוו קליינע גרופּע תּושבֿים פֿונעם לאַנד, און כּדי צו דערגרייכן קעגנזײַטיקע באַרײַכערונג אין קולטור־ספֿערע, דאַרפֿן די רעדער האָבן צוטריט צו קולטערעלע רעסורסן, וואָס זענען צוגענגלעך צו אַנדערע גרופּעס, וואָס לעבן איבער די גרענעצן און רעדן די זעלבע אָדער אַ נאָענטע שפּראַך. דאָס איז באַזונדערס וויכטיק, ווען אַ שפּראַך, וואָס איז רעגיאָנאַל אין איין לאַנד, איז (אָדער איז נאָענט צו) אַ גרעסערע(ר) קולטורעלע(ר) שפּראַך, אָדער אפֿילו די(דער) נאַציאָנאַלע(ר) שפּראַך פֿון אַן אַנדער לאַנד, און ווען מיטאַרבעט איבער די גרענעצן קען ברענגען דער רעגיאָנאַלער קהילה נוץ: אירע מיטגלידער וועלן קענען געניסן פֿון קולטורעלע אַקטיוויטעטן אין דער שפּראַך. ס'איז וויכטיק, מלוכות זאָלן אָנערקענען די

לעגיטימקייט פֿון אַזעלכע באַציִונגען און זאָלן ניט באַטראַכטן זיי ווי אַן אָפּשפּיגלונג פֿון פֿעלנדיקער לאָיאַלקייט פֿון די בירגער צו זייער מלוכה, אָדער ווי אַ באַדראָונג צו דער טעריטאָריעלער גאַנצקייט פֿון די לענדער. אַ שפּראַך־גרופּע וועט זיך פֿילן מער אינטעגרירט אין דעם לאַנד, וועמענס טייל זי איז, אויב זי וועט אָנערקענט ווערן ווי אַזעלכע און אויב קולטורעלע קאָנטאַקטן מיט שכנישע קהילות וועלן ניט געשטערט ווערן.

70. פֿונדעסטוועגן, ווערן די מלוכות געלאָזט אַליין פֿאַנאַנדערצואַרבעטן די פּאַסיקע איינאָרדענונגען, וואָס זאָלן פֿירן צו אַזעלכע טראַנסנאַציאָנאַלע בײַטונגען, האָבנדיק אין באַטראַכט די אינערע און אינטערנאַציאָנאַלע שוועריקייטן, וואָס קענען שטיין פֿאַר זיי. מער ספּעציעלע התחייבֿותן זענען דערמאָנט אין אַרטיקל 14 אין טייל 3.

*עלימינירונג פֿון דיסקרימינאַציע (אַרטיקל 7, פּאַראַגראַף 2)*

71. דער פֿאַרבאָט פֿון דיסקרימינאַציע אין ניצן רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ מינימאַלע גאַראַנטיע פֿאַר רעדער פֿון אַזעלכע שפּראַכן. דערפֿאַר מוזן די מלוכות אָננעמען געוויסע מאָסמיטלען, כּדי צו עלימינירן די פֿאַקטאָרן, וואָס מוטיקן אָן די מענטשן ניט צו ניצן אַ רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַך אָדער וואָס באַדראָען דאָס אויפֿהאַלטן אָדער די אַנטוויקלונג פֿון אַזאַ שפּראַך.

72. פֿונדעסטוועגן, איז דער ציל פֿון דעם פּאַראַגראַף ניט פֿעסטצושטעלן פֿולקומענע גלײַכבאַרעכטיקונג צווישן די שפּראַכן. זײַן פֿאָרמולירונג און באַזונדערס דאָס וואָרט "אומבאַרעכטיקט" לאָזן פֿאַרשטיין, אַז בהסכּם מיטן גײַסט פֿונעם געזעץ און כּדי צו דערגרייכן די צילן פֿון דער פּאָליטיק לגבי רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן, מעג מען מאַכן חילוקים צווישן די שפּראַכן. בפּרט, טאָרן די מאָסמיטלען, וואָס יעדער מלוכה נעמט אָן לטובֿת איר נאַציאָנאַלער אָדער אָפֿיציעלער שפּראַך, ניט באַטראַכט ווערן ווי דיסקרימינאַציע פֿון רעגיאָנאַלע שפּראַכן, בלויז ווײַל די דאָזיקע מאָסמיטלען זענען ניט אָנגענומען פֿון זייער טובֿה וועגן. פֿונדעסטוועגן, טאָרן אַזעלכע מאָסמיטלען ניט זײַן קיין מיכשול צום אויפֿהאַלטן און צו דער אַנטוויקלונג פֿון די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן.

73. אין דער זעלביקער צײַט, דווקא צוליב דעם אונטערשייד צווישן דער לאַגע פֿון אָפֿיציעלע שפּראַכן און דער לאַגע פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן און ווײַל די, וואָס רעדן די לעצטע, געפֿינען זיך אָפֿט אין אַ פּאָזיציע פֿון אַ פֿאַרשפּילער, אָנערקענט דער געזעץ, אַז "פּאָזיטיווע דיסקרימינאַציע"־מאָסמיטלען מעגן זײַן נייטיק, כּדי אָפּצוהיטן און צו פּראָטעזשירן אַזעלכע שפּראַכן. אויך די מאָסמיטלען האָבן דווקא אַזעלכן ציל און שטרעבן נאָר צו דערגרייכן גרײַכקייט צווישן די שפּראַכן, ווערן זיי ניט באַטראַכט ווי דיסקרימינירנדיקע.

*הייבן דעם קעגנזײַטיקן רעספּעקט און פֿאַרשטענדעניש צווישן שפּראַך־גרופּעס (אַרטיקל 7, פּאַראַגראַף 3)*

74. רעספּעקט צו רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן און אַנטוויקלונג פֿון טאָלעראַנטער באַציִונג צו זיי זענען אַ טייל פֿון דער פּאָליטיק, וואָס איר ציל איז צו הייבן פֿאַרשטענדעניש לגבי דער לאַגע פֿון שפּראַך־פּלוראַליזם אין אַ לאַנד. די אַנטוויקלונג פֿון גײַסט פֿון טאָלעראַנץ און אויפֿנעמיקייט דורך דער בילדונג־סיסטעם און די מעדיאַ איז אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר אין פּראַקטישער אָפּהיטונג פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן. אָנמוטיקן די מאַס־מעדיאַ צו שטרעבן צו אַזעלכע צילן ווערט ניט באַטראַכט ווי אַ מיטל, וואָס קען אַרויסרופֿן אומלעגאַלע מלוכישע השפּעה. רעספּעקט צו מענטשלעכע רעכט, טאָלעראַנץ צו די מינדערהייטן און אויסמײַדונג פֿון אונטערהעצונג אויף שׂינאה זענען די פֿאָדערונגען, וואָס דאָס רובֿ אייראָפּעישע לענדער האָבן שוין לאַנג אָנגענומען ווי אומבאַדינגטע פֿאַר די מאַס־מעדיאַ. און פֿאַר רעדער פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן איז דער פּרינציפּ אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר, וואָס צווינגט זיי צו ווערן אויפֿנעמיק צו די שפּראַכן און קולטורן פֿון דעם רובֿ.

*גרינדונג פֿון אָרגאַניזאַציעס, וואָס וועלן פֿאָרשטעלן די אינטערעסן פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן (אַרטיקל 7, פּאַראַגראַף 4)*

75. דער עקספּערטן־קאָמיטעט לגבי רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין אייראָפּע האָט געפֿונען עס וויכטיק, אין אַלע לענדער זאָלן זײַן מעכאַניזמען, וואָס זאָלן דערמעגלעכן די מלוכות נעמען אין באַטראַכט די באַדערפֿענישען און ווינטשן, אַרויסגעבראַכט פֿון די רעדער פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן גופֿא. דערפֿאַר ווערט רעקאָמענדיקט, פֿאַר יעדער רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך זאָל זײַן אַ פּראָטעזשירונג־אָרגאַניזאַציע, פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר פֿאָרשטעלונג אירע אינטערעסן אויף נאַציאָנאַלן ניוואָ, וואָס זאָל אָננעמען פּראַקטישע מאָסמיטלען צו פּראָטעזשירן די שפּראַך און קאָנטראָלירן דאָס פֿירן אין לעבן דעם געזעץ לגבי דער לאַגע פֿון דער דאָזיקער שפּראַך. דער אויסדרוק "אויב נייטיק" באַצייכנט, צווישן אַנדערע ענייִנים, אַז אויב עס זענען שוין דאָ אין לאַנד אַזעלכע אינסטיטוציעס – אויף וואָסער ניט איז פֿאָרעם – ווערן די מלוכות ניט צוגערופֿן צו גרינדן נײַע אָרגאַניזאַציעס, וואָס וואָלטן נאָר דופּליקירן די פֿאַראַנענע.

*אָנווענדונג פֿון די פּרינציפּן פֿונעם געזעץ צו ניט־טעריטאָריעלע שפּראַכן (אַרטיקל 7, פּאַראַגראַף 5)*

76. ניט געקוקט אויף דעם ווי דער געזעץ האָט צו טאָן קודם כּל מיט שפּראַכן, וואָס זענען היסטאָריש אידענטיפֿיצירט מיט אַ געוויסער געאָגראַפֿישער געגנט פֿון דעם לאַנד, האָט דער עקספּערטן־קאָמיטעט לגבי רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין אייראָפּע באַשלאָסן ניט צו איגנאָרירן אויף יענע שפּראַכן, וואָס ווערן

טראַדיציאָנעל גערעדט אין דעם לאַנד, אָבער האָבן ניט קיין גענויע טעריטאָריעלע באַזע.

77. פֿונדעסטוועגן, ווערט עס אָנערקענט, אַז, ווײַל אַ ריי פּרינציפּן און צילן, דערמאָנטע אין טייל 2, ווערן אָנגעווענדט לויטן טעריטאָריעלן פּרינציפּ, און צוליב פּראַקטישע שוועריקייטן אין אָננעמען מאָסמיטלען צו פֿירן זיי אין לעבן, ניט באַשטימענדיק זייער געאָגראַפֿישן פֿאַרנעם, קענען די דאָזיקע אײַנאָרדענונגען אָנגעווענדט ווערן צו ניט־טעריטאָריעלע שפּראַכן אָן געוויסע צופּאַסונגען. פּאַראַגראַף 5 באַשטימט, אַז זיי מוזן אָנגעווענדט ווערן נאָר אויף וויפֿל עס איז מעגלעך אין לאַגע פֿון די שפּראַכן.

78. אַ ריי פֿאַרשרײַבונגען, אײַנגעשלאָסן אין פּאַראַגראַפֿן 1 צו 4, קענען גרינג אָנגעווענדט ווערן אויך צו ניט־טעריטאָריעלע שפּראַכן: די אָנערקענונג פֿון די דאָזיקע שפּראַכן, די מאָסמיטלען צו אַנטוויקלען דעם גײַסט פֿון רעספּעקט, פֿאַרשטענדעניש און טאָלעראַנץ צו זיי, דער פֿאַרבאָט פֿון דיסקרימינאַציע, די פּאָזיטיווע שטיצע, די מעגלעכקייט פֿאַר די רעדער פֿון יענע שפּראַכן צו אַנטוויקלען פֿאַרבינדונגען צווישן זיך אין לאַנד און אין אויסלאַנד און דאָס פּראָטעזשירן פֿון פֿאָרשונג און לערנען די שפּראַך. אָבער ס'איז אוממעגלעך אָנצווענדן צו ניט־טעריטאָריעלע שפּראַכן אַ ריי אַנדערע פֿאַרשרײַבונגען, פֿאַרבונדענע מיט אַדמיניסטראַטיווע טיילונגען און די מעגלעכקייטן, וואָס ווערן געגעבן צו ניט־רעדער, זיי זאָלן קענען לערנען די שפּראַכן, ווײַל אַזעלכע מאָסמיטלען קענען אָנגענומען ווערן נאָר אויף אַ באַזונדערער געגנט. און די אויפֿגאַבעס פֿון צוגרייטן פֿאַרשרײַבונגען פֿאַר לערנען די דאָזיקע ניט־טעריטאָריעלע שפּראַכן און פֿון אָנמוטיקן זייער ניצן אינעם אָפֿענעם לעבן קענען, אַפּנים, צוליב פּראַקטישע סיבות רעאַליזירט ווערן נאָר מיט געוויסע צופּאַסונגען.

**טייל 3 – מאָסמיטלען צו פּראָטעזשירן דאָס ניצן פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין קהילה־לעבן בהסכּם מיט די אונטערנעמונגען לויט אַרטיקל 2, פּאַראַגראַף 2**

**אַרטיקל 8 – בילדונג**

79. די פֿאַרשרײַבונגען פֿון פּאַראַגראַף 1 פֿון דעם אַרטיקל זענען נוגע נאָר די טעריטאָריעס, ווו יעדער רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַך ווערט געניצט. זיי מוזן אָנגעווענדט ווערן "לויט דער לאַגע פֿון יעדער פֿון אַזעלכע שפּראַכן". לויטן אַרטיקל 2, פּאַראַגראַף 2 (זע אויבן), איז די דאָזיקע באַוואָרעניש באַזונדערס וויכטיק בײַם אויסקלײַבן אָפּציעס, וועלכע וועלן אָנגעווענדט ווערן אין לאַגע פֿון יעדער שפּראַך, באַזונדער (זע אונטערפּאַראַגראַפֿן א'–ו').

80. עס שטייט געשריבן: "און ניט צום שאָדן צו לערנען די אָפֿיציעלע שפּראַך (ן) פֿון דעם לאַנד" – כּדי אויסצומײַדן יעדע מעגלעכקייט פֿון אינטערפּרעטירן די פֿאַרשרײַבונגען פֿון אַרטיקל 8, פּאַראַגראַף 1 – און באַזונדערס די ערשטע אָפּציע אין יעדערן פֿון די אונטערפּאַראַגראַפֿן א' צו ו' – ווי אויסשליסנדיקע דאָס לערנען די שפּראַך(ן), גערעדט פֿון דעם רובֿ. אַזאַ טענדענץ – צו פֿורעמען שפּראַכלעכע געטאָס – וואָלט אין גאַנצן סותר געווען די פּרינציפּן פֿון אינטערקולטוראַליזם און פֿילשפּראַכיקייט, באַטאָנט אין דער הקדמה, און געשטערט די אינטערעסן פֿון די באַטראַכטע באַפֿעלקערונג־גרופּעס. אין באַזונדערע אומשטאַנדן פֿון יענע לענדער, וווּ דער געזעץ גייט אָן וויניקער ברייט געניצטע אָפֿיציעלע שפּראַכן, מוזן די דאָזיקע ווערטער אינטערפּרעטירט ווערן אַזוי: די פֿאַרשרײַבונגען פֿונעם פּאַראַגראַף 1 זענען ניט צום שאָדן צו לערנען אַנדערע אָפֿיציעלע שפּראַכן.

81. אין אַרטיקל 8 ווערן באַטראַכט עטלעכע בילדונג־ניוואָען: פֿאָרשול, עלעמענטאַרע שול, מיטלשול, טעכנישע שול, פּראָפֿעסיאָנעלע בילדונג, אוניווערסיטעט און בילדונג פֿאַר דערוואַקסענע. פֿאַר יעדער ניוואָ ווערן פֿאָרגעשטעלט פֿאַרשיידענע מעגלעכקייטן - אָפּהענגיק פֿון דער לאַגע פֿון יעדער רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּאראַך באַזונדער.

82. אין עטלעכע אונטערפּאַראַגראַפֿן ווערט געניצט דער אויסדרוק "אין אַ צאָל, גערעכנט פֿאַר גענוגער". עס ווערט אָנערקענט, אַז מע קען ניט פֿאָדערן, די מלוכה זאָל אָננעמען די באַטראַכטע מיטלען, אויב צוליב דער לאַגע פֿון אַ שפּראַך־גרופּע איז עס שווער, למשל, צו זאַמלען תּלמידים אין אַ צאָל, נייטיק כּדי צו פֿורעמען אַ קלאַס. פֿון דער אַנדערער זײַט, צוליב דער באַזונדערער לאַגע פֿון דער רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך, קען אָנגעווענדט ווערן אַ בייגעוודיקע סיסטעם פֿון קוואָטעס, און די צאָל תּלמידים, "גערעכנט פֿאַר גענוגער" צו עפֿענען אַ קלאַס, קען זײַן נידעריקער.

83. די פֿאָרמולירונג פֿון אָפּציע 4 אין אונטערפּאַראַגראַפֿן ג' און ד' נעמט אין אַכט דעם פֿאַקט, אַז די לאַגעס אין פֿאַרשיידענע לענדער לאָזן זיך אונטערשיידן אויך צוליב דעם עלטער פֿון דעם רובֿ און דעם עלטער, ווען מע קען ענדיקן די בילדונג. אָפּהענגיק פֿון אַזעלכע אומשטאַנדן, קענען אין אַכט גענומען ווערן די ווּנטשן פֿון די תּלמידים גופֿא אָדער פֿון זייערע משפּחות.

84. עס ווערט אָנערקענט, אַז ניט אין אַלע בילדונג־סיסטעמען איז דאָ אַ חילוק צווישן מיטלשול און פּראָפֿעסיאָנעלער בילדונג: די צווייטע ווערט באַטראַכט ווי אַ באַזונדערער טיפּ פֿון מיטלשול־בילדונג. ניט געקוקט אויף דעם, ווערט אין די אונטערפּאַראַגראַפֿן ג' און ד' אין באַטראַכט גענומען דער אונטערשייד צווישן זיי, ווי אויך דער אונטערשייד צווישן פֿאַרשיידענע טיפּן פֿון פּראָפֿעסיאָנעלער בילדונג. בפֿרט, אין פֿאַל פֿון די לענדער, וווּ די פּראָפֿעסיאָנעלע בילדונג ווערט אויסגעפֿירט ווי לער (אַ לערנייִנגל לערנט זיך פֿון אַ מײַסטער) און עס איז דערפֿאַר שווער אָנצוווענדן

די מאָסמיטלען לטובֿת רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן, דערמעגלעכט עס די מלוכות לכּל־הפּחות אָנצונעמען שטרענגערע פֿאָדערונגען אינעם תּחום פֿון אַלגעמיינער מיטלשול־בילדונג.

85. די פֿאַרשרײַבונגען לגבי אוניווערסיטעטן און בילדונג פֿאַר דערוואַקסענע קענען פֿאַרגליכן ווערן צו די פֿאַרשרײַבונגען לגבי אַנדערע בילדונג־ניוואָען אין דעם, אויף וויפֿל זיי לייגן פֿאָר אַן אויסקלײַב – צי צו לערנען זיך אויף דער רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהיט־שפּראַך, צי צו לערנען זי ווי אַ לימוד. דערצו, ווי אויך אין פֿאַל פֿון פֿאָרשול, ווערט פֿאָרגעלייגט אַ לייזונג אויך פֿאַר אַזעלכע פֿאַלן, אין וועלכע די מלוכה איז ניט קאָמפּעטענט גענוג, כּדי אָנצונעמען באַשלוסן לגבי דעם באַטראַכטן בילדונג־ניוואָ. אין געוויסע לענדער קען די צאָל רעדער פֿון אַ רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך געברעכנט ווערן אַ ניט גענוגע, כּדי צו אָרגאַניזירן אוניווערסיטעט־בילדונג אויף דער שפּראַך אָדער איר לערנען ווי אַ לימוד. אין דעם קאָנטעקסט ווערט געבראַכט אַ בײַשפּיל פֿון די לענדער, וואָס אָנערקענען – לויט אַ באַזונדערן הסכּם אָדער לויט אַן אַלגעמיינעם הסכּם פֿון אָנערקענען דיפּלאָמען – אוניווערסיטעט־דיפּלאָמען, באַקומען פֿון רעדער פֿון אַ רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך אין אַן אוניווערסיטעט פֿון אַן אַנדער לאַנד, וווּ עס ווערט געניצט די זעלביקע שפּראַך.

86. דער ציל פֿונעם פּאַראַגראַף 1 ז' איז אויסצומײַדן איזאָלאַציע פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן פֿון זייער קולטורעלן קאָנטעקסט. די דאָזיקע שפּראַכן זענען אָפֿט פֿאַרבונדן מיט דער געשיכטע פֿון דעם באַזונדערן פֿאָלק און מיט באַזונדערע טראַדיציעס. די דאָזיקע געשיכטע און רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־קולטור שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ טייל פֿון דער קולטורעלער ירושה פֿון אייראָפּע. דערפֿאַר איז געווּנטשט, ניט־רעדער פֿון די באַטראַכטע שפּראַכן זאָלן האָבן צוטריט צו זייער קולטורעלן קאָנטעקסט אויך.

87. אויב אַ מלוכה נעמט אָן אַ התחייבֿות צו גאַראַנטירן, אַז אַ רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַך וועט געלערנט ווערן, מוז זי זיך קודם איבערצײַגן, אַז די נייטיקע מאָסמיטלען זענען מעגלעך: ס'איז גענוג פֿינאַנצירונג, עס זענען דאָ גענוג לערערס און אינווענטאַר. די פֿאָדערונג איז נייטיק און זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, דערפֿאַר דאַרף זי ניט פֿאַרשריבן ווערן אינעם געזעץ. פֿונדעסטוועגן, ווען די רייד גייט וועגן די לערערס, שטעלט זיך אַ פֿראַגע פֿון זייער קאָמפּעטענץ און, דערפֿאַר, זייער צוגרייטונג. דאָס איז אַ פֿונדאַמענטאַלער אַספּעקט, און דערפֿאַר ווערט ער אויספֿירלעך באַטראַכט אין פּאַראַגראַף 1 ח'.

88. האָבנדיק אין באַטראַכט די פֿונדאַמענטאַלע וויכטיקייט פֿון לערנען און, פּינקטלעכער, פֿון שול־סיסטעם, פֿאַר אָפּהיטן די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן, האָט דער עקספּערטן־קאָמיטעט לגבי רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין אייראָפּע באַשלאָסן, אַז ס'איז נייטיק צו

גרינדן אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע (אָדער אָרגאַניזאַציעס) כּדי צו קאָנטראָלירן, וואָס עס ווערט געמאַכטן אין דעם תּחום. די אייגנשאַפֿטן פֿון אַזאַ אויפֿזעערישער אינסטיטוציע ווערן ניט באַשטימט אין פּאַראַגראַף 1 ט'. דערפֿאַר קען עס זײַן אַ מלוכישע בילדונג־אָרגאַניזאַציע אָדער אַן אומאָפּהענגיקע אינסטיטוציע. די דאָזיקע אויפֿגאַבע קען אויך אַרויפֿגעלייגט ווערן אויף דער אָרגאַניזאַציע, דערמאָנט אין אַרטיקל 7, פּאַראַגראַף 4 פֿונעם געזעץ. סײַ ווי סײַ, דער געזעץ פֿאָדערט, די רעזולטאַטן פֿון מאָניטאָרינג זאָלן פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן.

89. דער געזעץ באַרגענעצט כּסדר די שוץ פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן צו דער געאָגראַפֿישער געגנט, ווּ זיי ווערן טראַדיציאָנעל גערעדט. די פּאַראַגראַף 2 פֿון אַרטיקל 8 שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ יוצא־דופֿן פֿון דעם כּלל. די סיבה פֿאַר דעם איז דער פֿאַרשטאַנד, אַז אין איצטיקע אומשטאַנדן פֿון באַוועגלעכקייט קען דער טעריטאָריעלער פּרינציפּ שוין ניט קלעקן פּראַקטיש פֿאַר עפֿעקטיווער שוץ פֿון אַ רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך. למשל, אַ גרויסע צאָל רעדער פֿון אַזעלכע שפּראַכן זענען איבערגעפֿאָרן אין גרויסע שטעט. אָבער, צוליב די שווערקייטן, פֿאַרבונדן מיט פֿאַרברייטערונג פֿון בילדונג־פֿאַרשרײַבונגען אויך אויף רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אויסער זייער טעריטאָריעלער באַזע, איז די פֿאָרמולירונג פֿון אַרטיקל 8, פּאַראַגראַף 2 בייגעוודיק גענוג: דער אַרטיקל לאָזט אויסקלײַבן פֿון עטלעכע אָפּציעס און יעדנפֿאַלס קען זיך אָנווענדן נאָר אויב אַזעלכע מאָסמיטלען זענען באַרעכטיקט לויט דער צאָל רעדער פֿון דער באַטראַכטער שפּראַך.

**אַרטיקל 9 – יורידישע מאַכט**

90. פּאַראַגראַף 1 פֿון דעם אַרטיקל גייט אָן יענע יורידישע געגנטן, אין וועלכע די צאָל תּושבֿים, וואָס ניצן די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן, באַרעכטיקט די מאָסמיטלען, פֿון וועלכע עס גייט די רייד. די דאָזיקע באַוואָרעניש אַנטשפּרעכט טיילווײַז דעם אַלגעמיינעם כּלל אינעם רובֿ פֿון די פֿאַרשרײַבונגען פֿונעם געזעץ, וואָס האָט אַ ציל צו באַשיצן רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אויף די טעריטאָריעס, ווּ זיי ווערן טראַדיציאָנעל געניצט. אויף דער פֿראַגע, צי אין געריכט פֿון אַ העכערן ניוואָ, וואָס געפֿינט זיך אויסער דער טעריטאָריע, ווּ די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַך ווערט געניצט, מוז אַזאַ שפּראַך קענען געניצט ווערן, מוז ענטפֿערן די מלוכה, האָבנדיק אין באַטראַכט די באַזונדערע טבֿע פֿון איר יורידישער סיסטעם און איר אינסטאַנצן־היעראַרכיע.

91. די פֿאָרמולירונג פֿון דעם אַרײַנפֿיר־זאַץ פֿון אַרטיקל 9, פּאַראַגראַף 1, שפּיגלט אויך אָפּ די איניציאַטיוו פֿונעם עקספּערטן־קאָמיטעט לגבי רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין אייראָפּע צו פֿאַרטיידיקן די פֿונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פֿון דער יורידישער סיסטעם, ווי גלײַכקייט פֿון די זײַטן, שטרעבונג אויסצומײַדן איבעריקע

אָפּהאַלטן אינעם געזעצלעכן פּראָצעס, די מאָסמיטלען לטובֿת רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן זאָלן ניט געניצט ווערן צו זייער שאָדן. די דאָזיקע איניציאַטיוו באַרעכטיקט ניט קיין אַלגעמיינע באַגרענעצונגען פֿון די מאָסמיטלען, וואָס די מלוכות קענען אָננעמען בהסכּם מיט דעם פּאַראַגראַף. אַנשטאָט דעם לייגט זי פֿאָר, קרומבאַניץ פֿון די אָנגעבאָטענע מעגלעכקייטן זאָל פֿעסטגעשטעלט ווערן פֿון אַ ריכטער אין יעדער פֿאַל באַזונדער.

92. דער געזעץ טוט אונטערשיידן צווישן קרימינעלע, בירגערלעכע און אַדמיניסטראַטיווע פּראָצעדורן, און די אָנגעבאָטענע אָפּציעס זענען צוגעפּאַסט צו יעדערער פֿון זיי. עס ווערן געניצט די ווערטער "און \ אָדער", ווײַל עטלעכע פֿון די דאָזיקע אָפּציעס קענען אָנגעווענדט ווערן גלײַכצײַטיק.

93. די פֿאַרשרײַבונגען פֿון אַרטיקל 9, פּאַראַגראַף 1, באַשטימען די געריכט־פּראָצעדורן, וואָס ווערן אויסגעפֿירט פֿאַר דער געריכט־זיצונג. אָפּהענגיק פֿון באַזונדערע אײַנאָרדענונגען, שייך צו יורידישער אַדמיניסטראַציע אין יעדער לאַנד, מוז דער טערמין "געריכט" פֿאַרטײַטשט ווערן, ווי מעגלעך, ווי אַ טערמין, וואָס באַצייכנט אַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָבן אַ יורידישע פֿונקציע. דאָס איז באַזונדערס ריכטיק אינעם פֿאַל פֿון אונטערפּאַראַגראַף ג'.

94. די ערשטע אָפּציע, פֿאָרגעלייגט אין די אונטערפּאַראַגראַפֿן א', ב' און ג' פֿון אַרטיקל 9, פּאַראַגראַף 1, ווערט אַזוי באַשריבן: "אויסצופֿירן די יורידישע פּראָצעדורן אין די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן". דער דאָזיקער אויסדרוק מיינט, אַז די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַך ווערט געניצט אין געריכט און אין די פּראָצעדורן, אין וועלכע די זײַט, רעדנדיק די שפּראַך, זיך באַטייליקט. אָבער דעם פּינקטלעכן באַטײַט פֿונעם אויסדרוק "אויספֿירן די פּראָצעדורן" קען יעדער מלוכה אַליין דעפֿינירן - אָפּהענגיק פֿון באַזונדערע אייגנשאַפֿטן פֿון דער יורידישער סיסטעם אין לאַנד.

95. מע מוז באַצייכענען, אַז פּאַראַגראַף 1 א' 2, לויט וועלכן די מלוכות נעמען אָן אַ התחייבֿות צו גאַראַנטירן דעם באַשולדיקטן דאָס רעכט צו ניצן זײַן \ איר רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַך אין געריכט, - גייט ווײַטער ווי די אייראָפּעישע קאָנווענציע לגבי מענטשלעכע רעכט, וועלכע באַשטעטיקט (אַרטיקל 6, פּאַראַגראַף 3 ה'), אַז דער באַשולדיקטער האָט אַ רעכט צו באַקומען אומזיסטע הילף פֿון אַן איבערזעצער, אויב ער קען ניט פֿאַרשטיין אָדער רעדט ניט די שפּראַך, געניצט אין געריכט. ווי אויך אונטערפּאַראַגראַפֿן ב' 2 און ג' 2, באַזירט ער זיך אויף דער אידעע, אַז אַפֿילו אויב רעדער פֿון אַ רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך קענען רעדן די אָפֿיציעלע שפּראַך – מעגן זיי, ווען זיי מוזן זיך פֿאַרטיידיקן פֿאַר דעם געריכט, וועלן זיך אַרויסברענגען אויף דער שפּראַך, וואָס איז עמאָציאָנעל פֿאַר זיי די נאָענסטע - אָדער וואָס זי באַהערשן צום בעסטן. דערפֿאַר, וואָלט דאָס באַגרענעצן די אָנווענדונג פֿונעם געזעץ נאָר אויף סיטואַציעס פֿון פּראַקטישער נייטיקייט סותר געווען זײַן ציל.

פֿון דער אַנדערער זײַט, ווערט די דאָזיקע פֿאַרשרײַבונג, וואָס גיט דעם באַשולדיקטן אַזאַ ברירה, באַגײַסטערט בלויז פֿון הומאַניסטישן אַספּעקט פֿון מענטשלעכע רעכט און פֿאָדערט צוגעבלעכע רעסורסן. דערפֿאַר איז באַשלאָסן געוואָרן צו לאָזן די מלוכות אַליין אָנצונעמען אָדער ניט אָנצונעמען די אָנווענדונג פֿונעם געזעץ צו באַזונדערע יורידישע ספֿערעס.

96. דער ציל פֿון פּאַראַגראַף 1 ד' איז צו גאַראַנטירן, די איבערזעצונג, וואָס קען זײַן נייטיק אין פֿאַל פֿון אָנווענדן דעם אַרטיקל 9, פּאַראַגראַפֿן 1 ב' און ג', זאָל זײַן אומזיסט. אין די לענדער, וואָס וועלן אויסקלײַבן ניט אָנצונעמען דעם דאָזיקן אונטערפּאַראַגראַף, מוז די מלוכה באַשליסן, צי אַזאַ איבערזעצונג וועט זײַן אומזיסט, אויפֿן סמך פֿון די פֿאַראַנענע געזעצלעכע פֿאַרשרײַבונגען אָדער מיטן אָננעמען נײַע, ספּעציעלע פֿאַרשרײַבונגען, נעמענדיק אין באַטראַכט די נייטיקייט צו פּראָטעזשירן רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן. ווען נייטיק, קען די איבערזעצונג באַצאָלט ווערן פֿון דער פּערזאָן וואָס זי פֿאַרלאַנגט, אָדער פֿון די זײַטן בשותּפֿות.

97. פּאַראַגראַף 2 איז נוגע די גילטיקייט פֿון יורידישע דאָקומענטן, געשריבן אויף אַ רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך. זײַן פֿאַרנעם איז באַגרענעצט: עס ווערן אין אים ניט איבערגערעכנט אַלע באַדינגונגען פֿאַר גילטיקייט פֿון אַ יורידישן דאָקומענט. דער פּאַראַגראַף פֿאָדערט נאָר, אַליין דער פֿאַקט, אַז אַ דאָקומענט איז געשריבן אויף אַ רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך, זאָל ניט זײַן אַ סיבה צו לייקענען זײַן גילטיקייט. דערצו, פֿאַרווערט ער ניט די מלוכות אײַנצופֿירן צוגעבלעכע פֿאָרמאַליטעטן אין אַזעלכע פֿאַלן. למשל, מעג די מלוכה פֿאָדערן, דער באַשולדיקטער זאָל צוגעבן אַ ספּעציעל באַשטעטיקונג־פֿאָרמל אויף דער אָפֿיציעלער שפּראַך. פּאַראַגראַף 2 ב' פֿאָדערט אויך, דער אינהאַלט פֿון די דאָקומענטן אויף דער רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך, גענוצט אין געריכט פֿון איינער פֿון די זײַטן, זאָל מיטגעטיילט ווערן צו דער אַנדערער זײַט (אָדער צו פֿאַראינטערעסירטע דריטע זײַטן), וואָס רעדט ניט די דאָזיקע שפּראַך, אין אַ פֿאַרשטענדלעכער פֿאָרעם – גלײַך אָדער מין־הצד.

98. די אָנווענדונג פֿון אַרטיקל 9, פּאַראַגראַף 2, איז ניט צום שאָדן צו אָנווענדונג פֿון אָפּמאַכן און קאָנווענציעס לגבי קעגנזײַטיקער הילף אין געזעצלעכע ענינים, אין יעדערן פֿון וועלכע ווערט אויספֿירלעך באַטראַכט די פֿראַגע פֿון דער שפּראַך, וואָס מוז גענוצט ווערן.

99. אין דעם פּאַראַגראַף 3 גייט די רייד וועגן איבערזעצונג פֿון יורידישע טעקסטן אויף רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן. די ווערטער "אויב זיי זענען שוין אויסגעפֿירט געוואָרן אַנדערש" איז שייך די פֿאַלן, ווען דער טעקסט אויף דער רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך איז שוין פֿאַראַן, ווײַל ער איז שוין אַ מאָל איבערגעזעצט געוואָרן אויף דער זעלבער אָדער זייער נאָענטער שפּראַך, וואָס איז די אָפֿיציעלע שפּראַך פֿון אַן אַנדער לאַנד.

**אַרטיקל 10 - אַדמיניסטראַטיווע מאַכט און קהילה־דינסטן**

100. דער ציל פֿון דעם אַרטיקל איז צו דערמעגלעכן די רעדער פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן צו געניסן פֿון זייערע רעכט ווי בירגער און אויסצופֿירן זייערע בירגערלעכע פֿליכטן אין באַדינגונגען, וואָס זענען פֿאַר זיי באַקוועם.

101. דער ציל פֿון די פֿאַרשרײַבונגען איז קודם־כּל צו פֿאַרבעסערן קאָמונקאַציע צווישן דער מאַכט און מענטשן וואָס ניצן רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן. ס'איז אמת, אַז סאָציאַלע און קולטורעלע סיטואַציעס האָבן זיך געביטן, און איצט זענען דאָס רובֿ מענטשן, וואָס רעדן די דאָזיקע שפּראַכן, צווייִשפּראַכיק, און זיי קענען אויך ניצן אַן אָפֿיציעלע שפּראַך פֿאַר קאָמוניקאַציע מיט דער מאַכט. פֿונדעסטוועגן, איז אַ דערלויבעניש צו ניצן רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין באַציִונגען מיט דער מאַכט מכריעדיק פֿאַרן סטאַטוס פֿון די דאָזיקע שפּראַכן און זייער אַנטוויקלונג, עס איז אויך זייער וויכטיק פֿון סוביעקטיוון שטאַנדפּונגט. אויב אַ שפּראַך וואָלט אין גאַנצן אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿון דער קאָמוניקאַציע מיט דער מאַכט, וואָלט זי מיט דעם פֿאַרניינט געוואָרן ווי אַ שפּראַך, ווײַל אַ שפּראַך איז קודם־כּל אַ מיטל פֿון עפֿנטלעכער קאָמוניקאַציע, זי קען ניט באַגרענעצט ווערן צו דער ספֿערע פֿון פּריוואַטע באַציִונגען. דערצו, אויב אַ שפּראַך וועט ניט געלאָזט ווערן צו דער פּאָליטישער, געזעצלעכער אָדער אַדמיניסטראַטיווער ספֿערע, וועט זי בהדרגהדיק פֿאַרלירן איר גאַנצן טערמינאָלאָגישן פּאָטענציאַל אין דעם תּחום און ווערן אַ "מומיק" שפּראַך, אומפֿעיק געניצט צו ווערן אין יעדער אַספּעקט פֿון קהילה־לעבן.

102. אַרטיקל 102 באַצייכנט 3 קאַטעגאָריעס פֿון טעטיקייט, אויסגעפֿירט פֿון דער מאַכט:

- טעטיקייט פֿון דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט פֿון דעם לאַנד, דהיינו די טראַדיציאָנעלע טעטיקייט פֿון דער מלוכה, באַזונדערס אין פֿאָרעם פֿון געזעלשאַפֿטלעכע פּרעראָגאַטיוון, לויט דער אַלגעמיינטער געזעצגעבונג (פּאַראַגראַף 1),
- טעטיקייט פֿון רעגיאָנאַלער אָדער קהילה־מאַכט – קודם־כּל, געמיינט ווערט טעריטאָריטאָריאַלע מאַכט, וואָס האָט אַ רעכט פֿון זעלבסטפֿאַרוואַלטונג (פּאַראַגראַף 2),
- טעטיקייט פֿון אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטעלן צו געזעלשאַפֿטלעכע דינסטן, לויט עפֿנטלעך אָדער בירגערלעך רעכט, וועלכע בלײַבן אונטער געזעלשאַפֿטלעכן קאָנטראָל: פּאָסט־דינסטן, שפּיטאָלן, עלעקטריציטעט, טראַנספּאָרט און אַזוי ווײַטער (פּאַראַגראַף 3).

103. אין יעדער ספֿערע ווערט אין אַכט גענומען די פֿיל־מיניקייט פֿון לינגוויסטישע סיטואַציעס – מיט נייטיקע צופּאַסונגען צו דער באַזונדערער טבֿע פֿון דער מאַכט אָדער די באַטראַכטע אָרגאַניזאַציעס. אין עטלעכע פֿאַלן קען אַ רעגיאָנאַלע אָדער

מינדערהייט־שפּראַך, צוליב אירע אייגנשאַפֿטן, אָנערקענט ווערן ווי אַ "קוואַזי־אָפֿיציעלע" שפּראַך, וואָס מאַכט זי, אויף איר טעריטאָריע, אַן אַרבעטס־שפּראַך, דהיינו אַ נאָרמאַל קאָמוניקאַציע־מיטל, פֿון דער מלוכה. (ניצן די אָפֿיציעלע אָדער די צום מערסטן ברייט פֿאַרשפּרייטע שפּראַך בלײַבט די נאָרמע אין קאָמוניקאַציע מיט יענע, וואָס רעדן ניט די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַך). אין אַנדערע פֿאַלן מעג די שפּראַך געניצט ווערן לכל־הפּחות אין די באַציִונגען, וואָס די מלוכה קען האָבן מיט די מענטשן, וואָס ווענדן זיך צו איר אויף דער שפּראַך. פֿונדעסטוועגן, אויב די אָביעקטיווע לאַגע פֿון אַ רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך מאַכט אַזעלכע פּראָגראַמען אוממעגלעך, ווערן לכל־הפּחות מינימאַלע מאָסמיטלען אָנגענומען, כּדי צו פֿאַרטיידיקן די פּאָזיציע פֿון אירע רעדער: תּושבֿים מעגן איינגעבן ווענדונגען אָדער דאָקומענטן אויף דער רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַכן - אָבער די מלוכה איז ניט מחויבֿ צו ענטפֿערן אויף דער זעלבער שפּראַך.

104. די מאָסמיטלען, אָנגענומען פֿון די זײַטן לויט פּאַראַגראַפֿן 1 און 3, ווערן דעפֿינירט מיטן זאַץ "אויף וויפֿל עס איז מעגלעך". די דאָזיקע באַוואָרעניש מוז אָבער ניט פֿאַרבײַטן די טעטיקייט פֿון דער מלוכה, וואָס ווערט באַשטימט אין אַרטיקל 2, פּאַראַגראַף 2, און אַרטיקל 3, פּאַראַגראַף 1,אויסצושליסן עטלעכע פֿון די פֿאַרשרײַבונגען פֿון טייל 3 פֿונעם געזעץ פֿון זייערע התחייבֿותן לגבי יעדער שפּראַך באַזונדער. דער ציל פֿון דעם מאָסמיטל איז אין אַכט צו נעמען דעם פֿאַקט, אַז עטלעכע פֿון די אָנגעבאָטענע מיטלען האָבן וואָגיקע פֿאָלגן אין די ספֿערעס פֿון פֿינאַנצן, אָננעמען מענטשן אויף דער אַרבעט און זייער צוגרייטונג. אָנצונעמען אַ פֿאַרשרײַבונג מיט רעספּעקט צו אַ באַטראַכטער שפּראַך הייסט אומבאַדינגט אָנצונעמען אַ התחייבֿות צוצושטעלן נייטיקע רעסורסן און אונטערצונעמען אַדמיניסטראַטיווע באַמיִונגען, כּדי די פֿאַרשרײַבונג זאָל אויסגעפֿירט ווערן אויף אַן עפֿעקטיוון אופֿן. פֿונדעסטוועגן, ווערט אָנערקענט, אַז אין עטלעכע אומשטאַנדן איז אַרומנעמיקע און אומקוואַליפֿיצירטע אָנווענדונג פֿון דער באַטראַכטער פֿאַרשרײַבונג ניט (אָדער נאָך ניט) מעגלעך. דער זאַץ "אויף וויפֿל עס איז מעגלעך" דערמעגלעכט די זײַטן, ווען זיי פֿירן אין לעבן די רעלעוואַנטע פֿאַרשרײַבונגען, צו באַשליסן אין יעדער פֿאַל, צי עס זענען דאָ אַזעלכע אומשטאַנדן.

105. די פֿאַרשרײַבונגען פֿונעם פּאַראַגראַף 2, און בפֿרט דאָס התחייבֿות פֿון די זײַטן צו "דערמעגלעכן און \ אָדער אָנצומוטיקן", ווערן פֿאָרמולירט אַזוי, כּדי אין אַכט צו נעמען דעם פּרינציפּ פֿון קהילה־ און רעגיאָנאַלער אויטאָנאָמיע. זיי מיינען ניט, אַז די אָנווענדונג פֿון די פֿאַרשרײַבונגען, אָנגענומען פֿון רעגיאָנאַלער מאַכט, איז ווייניקער וויכטיק, ווײַל דאָס איז דאָך די מאַכט, וואָס איז צום נאָענטסטן צו דעם בירגער. דער עקספּערטן־קאָמיטעט לגבי רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין אייראָפּע האָט אין אַכט, אַז די אָנווענדונג פֿון עטלעכע פֿאַרשרײַבונגען פֿונעם געזעץ איז חל אין פֿליכט־ספֿערע פֿון קהילה־ און רעגיאָנאַלער מאַכט און קען ברענגען זיי וואָגיקע הוצאות. די מלוכות מוזן גאַראַנטירן, אַז דאָס פֿירן־אין־לעבן דעם געזעץ וועט

אויסגעפֿירט ווערן מיט רעספּעקט צו דער רעגיאָנאַלער אויטאָנאָמיע, ווי עס איז דעפֿינירט אין דעם איראָפּעישן געזעץ לגבי לאָקאַלער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג, און באַזונדערס זײַן אַרטיקל 9, פּאַראַגראַף 1, ווּ עס שטייט געשריבן: "די רעגיאָנאַלע מאַכט האָט דאָס רעכט צו האָבן – אין ראַמען פֿון דער מלוכישער עקאָנאָמישער פּאָליטיק – אירע אייגענע פֿינאַנץ־רעסורסן, איבער וועלכע זי קען האָבן צו שאַפֿן פֿרײַ - אין גערעם פֿון אירע פֿולמאַכטן".

106. דער ציל פֿון פּאַראַגראַף 2 א' איז צו דערמעגלעכן צו ניצן רעגאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן "אין גערעם" פֿון דער רעגיאָנאַלער אָדער קהילה־מאַכט. די דאָזיקע פֿאָרמולירונג באַצייכנט, אַז אַ רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַך קען געניצט ווערן ווי אַן אַרבעטס־שפּראַך פֿון דער מאַכט, אָבער זי מיינט ניט, די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַך זאָל קענען געניצט ווערן אין קאָמוניקאַציע מיט דער רעגירונג פֿון דעם לאַנד.

**אַרטיקל 11 – מעדיאַ**

107. די צײַט און דער דער רוים, וואָס רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן קענען באַקומען אין די מעדיאַ, איז אומבאַדינגט פֿאַר זייער אָפּהיטן. קיין שפּראַך קען הײַנט ניט האַלטן איר השפּעה, אויב זי האָט ניט קיין צוטריט צו די נײַע פֿאָרמעס פֿון מאַסן־קאָמוניקאַציעס. זייער אַנטוויקלונג איבער דער גאַנצער וועלט און דער טעכנאָלאָגישער פּראָגרעס פֿירן צו דעם, אַז די קולטורעלע השפּעה פֿון די שפּראַכן, גערעדט פֿון ווייניקער מענטשן, ווערט שוואַכער. פֿאַר די הויפּט־מעדיאַ, קודם כּל דער טעלעוויזיע, איז די גרייס פֿונעם עולם דער מכריעדיקער פֿאַקטאָר. רעגיאָנאַלע און מינדערהייט־שפּראַכן שטעלן אָבער פֿאָר אַ קליינעם קולטורעלן מאַרק. ניט געקוקט אויף די נײַע מעגלעכקייטן, וועלכע דער פּראָגרעס אין טראַנסמיסיע־טעכנאָלאָגיעס לייגט זיי פֿאָר, קענען זיי נאָך ניט האָבן קיין צוטריט צו די מעדיע אָן שטיצע פֿון דעם עולם. אָבער די מעדיאַ שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ תּחום, ווּ דאָס באַטייליקן זיך פֿונעם עולם איז נאָך באַגרענעצט, און טעטיקייט אין פֿאָרמע פֿון רעגולירונג איז ניט צו עפֿעקטיוו. די מלוכה קען פֿועלן אין דעם תּחום, אייגנטלעך, אָנמוטיקנדיק און פֿאָרלייגנדיק הילף. כּדי צו גאַראַנטירן, אַז אַזעלכע אָנמוטיקונג און הילף ווערן אונטערגענומען לטובת רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן, בעט דער געזעץ די מלוכות אָנצונעמען התחייבֿותן אויף פֿאַרשיידענע ניוואָען.

108. די מאָסמיטלען, באַשריבן אין דעם אַרטיקלען, זענען לטובֿת די באַניצער פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין די געאָגראַפֿישע געגנטן, ווּ די דאָזיקע שפּראַכן זענען פֿאַרשפּרייט. אָבער די פֿאָרמולירונג פֿון פּאַראַגראַף 1, וואָס שיידט זיך אונטער אין דעם אַספּעקט פֿון די פֿאָרמולירונגען אין אַנדערע אַרטיקלען, נעמט אין באַטראַכט די באַזונדערע טבֿע פֿון קודם־כּל אוידיאָ־וויזואַלע מעדיאָ. דערפֿאַר, אפֿילו אויב די מאָסמיטלען ווערן אָנגענומען בנוגע געוויסער טעריטאָריע, קען זייער השפּעה זיך פֿאַרשפּרייטן אויך ווײַט איבער אירע גרענעצן.פֿון דער אַנדערער זײַט,

דאַרפֿן די מאָסמיטלען ניט אומבאַדינגט אָנגענומען ווערן אין דער באַטראַכטער טעריטאָריע, נאָר אויב זיי ברענגען נוץ צו יענע וואָס לעבן דאָרטן.

109. עס ווערט אָנערקענט, אַז די מלוכות פֿון פֿאַרשיידענע לענדער האָבן פֿאַרשיידענע מאָס פֿון קאָנטראָל איבער די מעדיאַ. דערפֿאַר ווערט אין פּאַראַגראַפֿן 1 און 3 באַצייכנט, אַז די מאָס פֿון מלוכישער באַטייליקונג הענגט אָפּ פֿון אירע פֿולמאַכטן און געזעצלעכער ראָלע פֿון יעדער מלוכה אין דעם תּחום. עס ווערט באַטאָנט דערצו, אַז אין יעדער לאַנד ווערט די געזעצלעכע ראָלע פֿון דער מלוכה אין באַשאַפֿן דאָס לעגאַלע גערעם און באַדינגונגען, אין ראַמען פֿון וועלכער קען דער ציל פֿון דעם אַרטיקל דערגרייכט ווערן, באַשטימט קודם־כּל פֿונעם פּרינציפּ פֿון מעדיאַ־אויטאָנאָמיע.

110. פּאַראַגראַף 1 פֿון אַרטיקל 11 שיידט אונטער די התחייבֿונת, וואָס זענען פֿאָרגעלייגט לטובֿת רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אינעם תּחום פֿון ראַדיאָ און טעלעוויזיע, לויט דעם, צי ראַדיאָ און טעלעוויזיע אויספֿירן די פֿונקציע פֿון אַ מלוכישער דינסט. אַזאַ פֿונקציע, וואָס קען אויסגעפֿירט ווערן פֿון אַ מלוכישער אָדער פּריוואַטער טראַנסמיסיע־אָרגאַניזאַציע, שליסט איַין אָנבעטונג פֿון אַ ברייטער ריי פּראָגראַמען, בתוכם די וואָס זענען צוגעפּאַסט צו די אינטערעסן און געשמאַק פֿון דער מינדערהייט. אין דעם קאָנטעקסט קען די מלוכה אַרויסגעבן פֿאָרשרײַבונג (אין געזעצגעבונג אָדער אין אינסטרוקציעס פֿאַר דעם טראַנסמיטירער), טייל פּראָגראַמען זאָלט טראַנסמיטירט ווערן אויף רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן. דער סיטואַציע ווערט געווידמעט אונטערפּאַראַגראַף א'. פֿון דער אַנדערער זײַט, דאָרטן, וווּ טראַנסמיסיע ווערט געמיינט ווי אַ פֿונקציע פֿון אויסשליסלעך פּריוואַטן סעקטאָר, קען די מלוכה נאָר "אָנמוטיקן און \ אָדער מיטווירקן" (אונטערפּאַראַגראַפֿן ב' און ג'). נאָר די לעצטע באַשריבענע סיטואַציע איז שייך צו דער געשריבענער פּרעסע (אונטערפּאַראַגראַף ה'). אויב עס איז מעגלעך, נעמען די מלוכות אָן אַ התחייבֿות, וואָס שליסט איַין די צעטיילונג פֿון נייטיקע פּרעקווענצן צו יענע סטאַנציעס, וואָס האָבן טראַנסמיסיעס אויף רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן.

111. ווי קליין די ראָלע פֿון דער מלוכה לגבי די מעדיאַ זאָל ניט זײַן, לאָזט זי בײַ זיך לכל־הפּחות די פֿולמאַכט צו גאַראַנטירן פֿרײַהייט פֿון קאָמוניקאַציע אָדער אָננעמען מאָסמיטלען, כּדי צו עלימינירן מכשולים פֿאַר אַזאַ פֿרײַהייט. צוליב דער סיבה שליסט פּאַראַגראַף 2 ניט איַין די זעלבע באַוואָרעניש ווי פּאַראַגראַף 1, לגבי דעם פֿאַרנעם פֿון פֿולמאַכט וואָס די מלוכה האָט. דאָס התחייבֿות צו גאַראַנטירן פֿרײַהייט פֿון אָננעמען פֿאַרשיידענע טראַנסמיסיעס מיינט ניט נאָר, עס זאָלן ניט זײַן קיין מכשולים פֿאַר אָננעמען טראַנסמיסיעס פֿון שכנישע לענדער, געשטעלט במזיד, נאָר אויך אַז עס זאָלן ניט זײַן קיין "פּאַסיווע" מכשולים, וואָס קומען אויס פֿון דעם, אַז דער מלוכה גערעכט ניט צו לייזן די פּראָבלעם און דערמעגלעכן דאָס אָננעמען פֿון אַזעלכע טראַנסמיסיעס.

112. צוליב דעם פֿאַקט, אַז אויף טראַנסמיסיעס פֿון אַ שכניש לאַנד מעגן ניט חל זײַן די זעלבע געזעצלעכע נאָרמעס, ווי אויף די טראַנסמיסיעס, וואָס ווערן פּראָדוצירט אין לאַנד, - שליסט דער דריטער זאַץ פֿון דעם פּאַראַגראַף אײַן אַ באַוואָרעניש, וואָס איז פֿאָרמולירט אין די זעלבע ווערטער ווי אַרטיקל 10, פּאַראַגראַף 2, פֿון דער אייראָפּעישער קאָנווענציע לגבי מענטשלעכע רעכט, ווו עס גייט די רייד וועגן פֿרײַהייט פֿון אויסדרוק. עס מוז באַצייכנט ווערן אָבער אַ באַזונדערע לאַגע פֿון טעלעוויזיע. אין די לענדער, וואָס האָבן אָנגענומען די אייראָפּעישע קאָנווענציע לגבי אינטערנאַציאָנאַלער טעלעוויזיע, זענען די אומשטאַנדן און באַדינגונגען, אונטער וועלכע די פֿרײַהייטן, גאַראַנטירט פֿון אַרטיקל 11, פּאַראַגראַף 2, פֿון דעם געזעץ, קענען באַגרענעצט ווערן, - באַשטימט פֿון דער קאָנווענציע, בזונדערס פֿונעם פּרינציפּ פֿון ניט־באַגרענעצן די רעטראַנסמיסיע אויף זייערע טעריטאָריעס פֿון פּראָגראַמען, וואָס שטימען צו צו די באַדינגונגען פֿון דער קאָנווענציע. דערצו, לייקענען די פֿאַרשרײַבונגען פֿון דעם פּאַראַגראַף ניט די וויכטיקייט פֿון מחברים־רעכט.

113. אַרטיקל 11, פּאַראַגראַף 3 פֿאַרשרײַבט, די אינטערעסן פֿון די רעדער פֿון רעגיאָנאַלע און מינדערהייט־שפּראַכן זאָלן פֿאָרגעשטעלט ווערן אין די אָרגאַניזאַציעס, פֿאַראַנטוואָרטלעך צו דערמעגלעכן פּלוראַליזם אין די מעדיאַ. אַזעלכע סטרוקטורן זענען דאָ אינעם רובֿ אייראָפּעישע לענדער. די ווערטער "אָדער אין אַכט גענומען" זענען אײַנגעשלאָסן געוואָרן, כּדי אויסצומײַדן מעגלעכע שוועריקייטן בײַם באַשטימען, ווער זענען די פֿאַרטרעטער פֿון די רעדער פֿון די דאָזיקע שפּראַכן. אָבער דער עקספּערטן־קאָמיטעט לגבי רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין אייראָפּע האָט באַשלאָסן, אַז ס'איז גענוג פֿאָרצושטעלן די שפּראַך־גרופּעס אַזוי, ווי אַנדערע קאַטעגאָריעס פֿון דער באַפֿעלקערונג ווערן פֿאָרגעשטעלט. דאָס קען אויסגעפֿירט ווערן, למשל, פֿון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטעלן פֿאָר רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן, דערמאָנט אין אַרטיקל 7, פּאַראַגראַף 4, פֿונעם געזעץ.

**אַרטיקל 12 – קולטורעלע אַקטיוויטעטן און מעגלעכקייטן**

114. אין דעם תּחום, ווי אויך אינעם פֿאַל פֿון אַרטיקל 11, ווערן די לענדער געבעטן צו באַמיען זיך – אויף וויפֿל זיי האָבן פֿולמאַכטן אָדער געזעצלעכע ראָלע, - אונטערצונעמען עפֿעקטיווע טעטיקייט. אָבער, ווײַל די מלוכה האָט אַן אָנספּקדיקע השפּעה אוף די באַדינגונגען, אין וועלכע קולטורעלע מעגלעכקייטן ווערן גענוצט, פֿאָדערט דער געזעץ, זיי מוזן גאַראַנטירט, רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן זאָלן האָבן אַ פּאַסיקן אָרט אין דער אַרבעט פֿון אַזעלכע מעגלעכקייטן.

115. לויט פּאַראַגראַף 1 א' ווערן די מלוכות געבעטן אָנצומוטיקן איניציאַטיוון, וואָס

זענען נאָענט צו קולטורעלע פֿאָרמען, אָנגענומען אין רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן. די מיטלען פֿאַר דער שטיצע זענען די, וואָס ווערן געוויינטלעך צוגעצויגן פֿאַר פּראָטעזשירן אין קולטורעלער ספֿערע. דער אויסדרוק "פֿאַרשיידענע טיפּן פֿון ווערק" ווערט געניצט, מיינענדיק - אָפּהענגיק פֿון דעם טיפּ קולטורעלער אַקטיוויטעט, וואָס ווערט באַטראַכט, - פֿאַרעפֿנטלעכונגען, פּראָדוקציע, פּרעזענטאַציעס, , פֿאַרשפּרייטונגען, טראַנסמיסיאס און אַזוי ווײַטער.

116. צוליב אַ קליינער צאָל זייערע רעדער, האָבן רעגיאָנאַלע און מינדערהייט־שפּראַכן ניט די זעלביקע פּראָדוקטיווקייט, ווי די שפּראַכן, וואָס ווערן ברייטער גערעדט. כּדי אָנצומוטיקן זייער ניצן און געבן זייערע רעדער אַ צוטריט צו אַ רײַכער קולטור־ירושה, איז נייטיק צו האָבן אין רשות איבערזעצונג־מעגלעכקייטן ווי אויך צו ניצן דובלירונג, פּאָסט־סינכראָניזאַציע און אונטערטיטלען (פּאַראַגראַף 1 ג'). דאָס אויסמײַדן קולטורעלע מניעות מיינט אָבער אַ ביידזײַטיקע טעטיקייט. דערפֿאַר איז מכריעדיק פֿאַר לעבעדיקייט און סטאַטוס פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן, וויכטיקע ווערק, געשאַפֿן אויף זיי, זאָלן באַקאַנט ווערן צו דעם ברייטערן עולם. דאָס איז דער ציל פֿון פּאַראַגראַף 1 ב'.

117. לגבי דער אַרבעט פֿון קולטורעלע אינסטיטוציעס, דהיינו אָרגאַניזאַציעס, וועמענס פֿונקציע איז אונטערצונעמען אָדער אונטערצושטיצן קולטורעלע אַקטיוויטעטן אין אַלערליי פֿאָרמעס, - ווערן די מלוכות געבעטן צו קאָנטראָלירן, די דאָזיקע אינסטיטוציעס זאָלן צוגעבן אין זייערע פּראָגראַמען גענוג וויכטיקייט דעם קענען און ניצן רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן און זייערע קולטורן (אַרטיקל 12, פּאַראַגראַף 1 ד' צו ו'). דער געזעץ קען אוודאי ניט פֿאַרשרײַבן פּינקטלעך, ווי אַזוי רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן מוזן אַרײַנגעפֿירט ווערן אין דער טעטיקייט פֿון די דאָזיקע אינסטיטוציעס. די רייד גייט נאָר וועגן "אויסטיילן גענוג רעסורסן" פֿאַר זיי. די ראָלע פֿון מלוכות אין דער ספֿערע איז קודם־כּל הדרכה און קאָנטראָל, דער געזעץ פֿאָדערט פֿון זיי ניט צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל אַליין, נאָר צו גאַראַנטירן, אַז דער ציל ווערט דערגרייכט.

118. דער געזעץ פֿאַרשרײַבט אויך, פֿאַר יעדער רעגיאָנאַלער אָדער מינדערהייט־שפּראַך זאָל געשאַפֿן ווערן אַן אָרגאַניזאַציע, פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר זאַמלען, האַלטן קאָפּיעס און פֿאַרשפּרייטן ווערק אויף דער שפּראַך (אַרטיקל 12, פּאַראַגראַף 1 ג'). צוליב דער שוואַכער לאַגע פֿון אַ סך רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן, איז נייטיק צו אָרגאַניזירן אַזאַ מין אַרבעט סיסטעמאַטיש (דעם גענויען אופֿן פֿון איר אָרגאַניזאַציע קענען די מלוכות אַליין אויסקלײַבן און באַשטימען). כּדי אין לעבן צו פֿירן דעם פּאַראַגראַף ז', קען עס נייטיק זײַן, געוויסע לענדער זאָלן צופּאַסן זייער געזעצגעבונג לגבי זאַמלונגען און אַרכיוון, די צוקונפֿטיקע ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע זאָל קענען אָנטייל נעמען אין אָפּהיטן די ווערק אויף רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן.

119. די אָנווענדונג פֿונעם אַרטיקל 12, פּאַראַגראַף 1, גייט אָן די טעריטאָריע, ווּ עס ווערן געניצט רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן, כאָטש עס איז אָנערקענט, אַז פּראַקטיש מעגן אַ סך פֿון אירע פֿאַרשרײַבונגען האָבן השפּעה, וואָס פֿאַרברייטערט זיך אויף איבער אירע גרענעצן. אָבער, צוליב דער טבֿע פֿון קולטורעלער פּראָטעזשירונג און באַדערפֿענישן, וועלכע אַנטשטייען אויסער די געגנטן, ווּ די דאָזיקע שפּראַכן ווערן טראַדיציאָנעל געניצט (בפרט, מחמת אַן אינערער מיגראַציע), גיט אַרטיקל 12, פּאַראַגראַף 2, פֿאַרשרײַבונגען, וואָס שטימען צו צו די פֿאַרשרײַבונגען פֿון אַרטיקל 8, פּאַראַגראַף 2.

120. אַלע לענדער שטרעבן צו פּראָטעזשירן זייער נאַציאָנאַלע קולטור אין אויסלאַנד. כּדי צו מאָלן אַ פֿול און אמתדיק בילד פֿון דער קולטור, מוז אַזאַ פּראָטעזשירונג ניט פֿאַרוואָרלאָזן רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן און קולטורן. אַ התחייבֿות, זיי אין באַטראַכט צו נעמען, וואָס ווערט פֿאַרשריבן אין אַרטיקל 12, פּאַראַגראַף 3, שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אופֿן אָנצוּווענדן דעם פּרינציפּ פֿון אָנערקענען רעגיאָנאַלע און מינדערהייט־שפּראַכן, אָפּגעשפּיגלט אין אַרטיקל 7, פּאַראַגראַף 1 א', פֿון טייל 2 פֿון דעם געזעץ.

**אַרטיקל 13 – ווירטשאַפֿטלעך און סאָציאַל לעבן**

121. אין ווירטשאַפֿטלעכע און סאָציאַלע סיסטעמען, טיפּיש פֿאַר די לענדער פֿונעם אייראָפּעיִשן ראַט, באַגרענעצט זיך כּסדר די אַרײַנמישונג פֿון דער מלוכה אין ווירטשאַפֿטלעך און סאָציאַל לעבן צו אַרויסגעבונג פֿון געזעצן און פֿאַראָרדענונגען. אין די דאָזיקע אומשטאַנדן זענען די מעגלעכקייט, וואָס די מלוכה קען ניצן כּדי צו גאַראַנטירן, אַז רעגיאָנאַלע און מינדערהייט־שפּראַכן באַקומען גענוג אויפֿמערקזאַמקייט און באַטראַכט, באַגרענעצט. פֿונדעסטוועגן, לייגט דער געזעץ פֿאָר אַ געוויסע צאָל מאָסמיטלען אין דעם תּחום. פֿון איין זײַט, שטרעבט ער צו עלימינירן פֿאַראַנענע מאָסמיטלען צו פֿאַרווערן אָדער אַנטמוטיקן צו ניצן אַזעלכע שפּראַכן אין ווירטשאַפֿטלעך און סאָציאַל לעבן. פֿון דער אַנדערער זײַט, לייגט ער פֿאָר אַ ריי פּאָזיטיווע מאָסמיטלען.

122. די פֿאַרשרײַבונגען פֿון אַרטיקל 13, פּאַראַגראַף 1, דערמעגלעכן גענויע אָנווענדונג פֿון פּרינציפּ פֿון ניט־דיסקרימינאַציע. צוליב דעם מוזן זיי אָנגעווענדט ווערן איבער דער גאַנצער טעריטאָריע פֿון די לענדער, וואָס האָבן אָנגענומען דעם געזעץ, און ניט נאָר אין די טיילן פֿון זייער טעריטאָריע, ווּ עס ווערן געניצט רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן.

123. אין אַרטיקל 13, פּאַראַגראַף 2 פֿונעם געזעץ ווערן איבערגערעכנט גענויע מאָסמיטלען פֿון שטיצע צו רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין דעם תּחום. צוליב פּראַקטישע סיבות זענען זיי באַגרענעצט צו די געאָגראַפֿישע געגנטן, ווּ די דאָזיקע שפּראַכן ווערן געניצט. דאָס באַוואָרעניש "אויף וויפֿל עס איז מעגלעך" שיקט

דעם לייענער אָפּ צו די דערקלערונגען פֿון אַרטיקל 10 אויבן (זע פּאַראַגראַף 104). צום סוף, נאָך אַ באַוואָרעניש, וואָס איז רעלעוואַנט נאָר צו אונטערפּאַראַגראַף ג': די דאָזיקע התחייבֿותן פֿון די מלוכות זענען גילטיק, נאָר אויב די מלוכה האָט אַזאַ פֿולמאַכט.

**אַרטיקל 14 –אויסטויישן איבער די גרענעצן**

124. דער אַרטיקל אַנטוויקלט די אידעע, פֿאָרמולירט אין אַרטיקל 7, פּאַראַגראַף 1 ט', און שיקט אָפּ צו די דערקלערונגען, געמאַכט אויבן (זע פּאַראַגראַפֿן 69-70).

125. אין מערערע תּחומים אַנטוויקלט זיך די קאָאָפּעראַציע צווישן די שכנישע געגנטן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער. עס איז באַמערקט, אַז אין געוויסע פֿאַלן קען אַזאַ סיטואַציע נאָך באַשטימט ווערן פּראָבלעמאַטיש פֿונעם קוקווינקל פֿון טעריטאָריאַלער גאַנצקייט. אָבער אַצינד, ווען אייראָפּעישע לענדער ווערן אַלץ נאָענטער, שטעלט די דאָזיקע קאָאָפּעראַציע מיט זיך פֿאָר אַ נײַע מעגלעכקייט פֿאַר די לענדער, וואָס קענען ניצן אַ "קולטורעלן פֿאַקטאָר" צו העכערן זייער קעגנזײַטיקע פֿאַרשטענדעניש. דער אייראָפּעישער ראַט האָט צוגעגטייט אַן אַנטוווּרף פֿון אַ קאָנווענציע לגבי קאָאָפּעראַציע איבער גרענעצן אויף קהילה־ און רעגיאָלן ניוואָ. כאָטש עס ווערט געוווּנטשט אַן אַלגעמיינע קאָאָפּעראַציע, באַטאָנט פּאַראַגראַף ב', אַז די רייד גייט פֿון קאָאָפּעראַציעאין אַ פֿאַל, ווען דווקא די זעלביקע שפּראַך ווערט גערעדט אויף דיביידע זײַטן פֿון דעם גרענעץ.

126. די דאָזיקע קאָאָפּעראַציע מעג אײַנשליסן תּלמידים־ און לערער־אויסטויישן, קעגנזײַטיקע אָנערקענונג פֿון דיפּלאָמען און קוואַליפֿיקאַציעס, בשותּפֿותדיקע אָרגאַניזאַציע פֿון קולטורעלע אונטערנעמונגען, פֿאַרשפּרייטונג פֿון קולטורעלע אָביעקטן (ביכער, פֿילמען, אויסשטעלונגען און אַזוי ווײַטער) און אינטערנאַציאָנאַלע טעטיקייט פֿון קולטורעלע אַגענצן (טעאַטער־קאָמפּאַניעס, לעקטאָרן און אַזוי ווײַטער). אין געוויסע אומשטאַנדן, קען זי אויך ווערן אַ גענוגיק (און ביליקער) מיטל פֿון רעאַליזירן די התחייבֿותן, אַרײַנגעפֿירט אונטער אַנדערע אַרטיקלען פֿונעם געזעץ: למשל, נעמענדיק אין באַטראַכט די פֿאַרשרײַבונג לגבי דער מעגלעכקייט פֿון הויכער בילדונג, אַרויסגעבראַכט אין אַרטיקל 8, פּאַראַגראַף 1 ה', קען צוגעגרייט ווערן אַ קעגנזײַטיקער אָפּמאַך, וואָס וועט דערמעגלעכן די סטודענטן לערנען זיך אין צושטימיקע אַנשטאַלטן אין שכנישע לענדער.

**טייל 4 - אָנווענדונג פֿונעם געזעץ**

**(אַרטיקלען 15-17)**

127. כּדי די אָנווענדונג פֿונעם געזעץ זאָל קענען נאָכגעקוקט ווערן פֿונעם אייראָפּעישן ראַט, דײַנע מיטגלידער־לענדער און דעם ברייטערן עולם, האָט דער

געזעץ פֿאָרויסגעזען אַ סיסטעם פֿון פּעריאָדישע באַריכטן פֿון די לענדער, פֿון די מיטלען, אָנגענומען, כּדי אויסצופֿירן זײַנע פֿאַרשרײַבונגען. די באַריכטן מוזן אײַנגעגעבן ווערן איין מאָל אין דרײַ יאָר, אָבער דער ערשטער באַריכט, וואָס האָט אַ ציל צו באַשרײַבן די לאַגע פֿון די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין דער צײַט, ווען דער געזעץ איז אַרײַן אין קראַפֿט, אין דעם באַטראַכטן לאַנד, מוז אײַנגעגעבן ווערן אין משך איין יאָר.

128.כּדי צו גאַראַנטירן די עפֿעקטיווקייט פֿון דער דאָזיקער סיסטעם פֿאַר מאָניטאָרינג פֿון פֿירן דעם געזעץ אין לעבן, פֿאַרשרײַבט דער געזעץ צו גרינדן אַן עקספּערטן־קאָמיטעט, וואָס זאָל באַטראַכטן די באַריכטן, אײַנגעגעבן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער. צו דעם עקספּערטן־קאָמיטעט וועלן אויך מעגן זיך ווענדן אָרגאַניזאַציעס און אַסאָציאַציעס, וואָס ווילן געבן ווײַטערע אינפֿאָרמאַציע אָדער באַשרײַבן באַזונדערע סיטואַציעס, פֿאַרבונדן מיט אָנווענדונג פֿונעם געזעץ, קודם־כּל, פֿון זײַן טייל 3 (אַרטיקל 16, פּאַראַגראַף 2). נאָר אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען לעגאַל געגרינדעט געוואָרן אין איינעם פֿון די אייראָפּעישע לענדער, וועלן קענען זיך ווענדן צו דעם עקספּערטן־קאָמיטעט בנוגע זייער לאַנד. דער ציל פֿון דעם כּלל איז אויסצומײַדן די לאַגע, ווען די גרופּעס, וואָס האָבן הויפּטקוואַרטירן אויסער דעם לאַנד, זאָלן ניצן די מאָניטאָרינג־סיסטעם, כּדי צו שאַפֿן קאָנפֿליקטן צווישן די לענדער.

129.עס מוז באַטאָנט ווערן, אַז דאָס איז ניט קיין געריכט־פּראָצעדור. די אויפֿגאַבע פֿונעם עקספּערטן־קאָמיטעט איז בלויז נאָכצוקוקן דאָס פֿירן־אין־לעבן פֿונעם געזעץ און צו באַקומען אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם. די אָרגאַניזאַציעס, דערמאָנט אין אַרטיקל 16, טאָרן ניט אים בעטן, ער זאָל פּועלן ווי געריכטן.

130.דער עקספּערטן־קאָמיטעט מעג קאָנטראָלירן יעדער אײַנגעגעבענע אינפֿאָרמאַציע, מיט די לענדער, וואָס וועגן זיי גייט די רייד, און בעטן פֿון זיי ווײַטערע דערקלערונגען אָדער אינפֿאָרמאַציע, כּדי אויסצופֿירן זײַנע אויספֿאָרשן. די רעזולטאַטן וועלן מוזן ווײַטער מיטגעטיילט ווערן צו דעם מיניסטאָרן־קאָמיטעט, צוזאַמען מיט די קאָמענטאַרן פֿון די באַטראַכטע לענדער וועגן דעם באַריכט פֿון די עקספּערטן. כאָטש מע קען מיינען, אַז צוליב עפֿנטלעכקייט מוזן די דאָזיקע באַריכטן פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן אויטאָמאַטיש, אָבער עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז, ווײַל זיי מעגן אײַנשליסן רעקאָמענדאַציעס, וואָס דער מיניסטאָרן־קאָמיטעט מעג געבן צו איינעם אָדער אַ ריי לענדער, לאָז דער מיניסטאָרן־קאָמיטעט באַטראַכטן יעדער פֿאַל באַזונדערס און באַשליסן, אין וועלכער מאָס די באַריכטן מוזן פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן.

131.די צאָל מיטגלידער פֿונעם עקספּערטן־קאָמיטעט וועט זײַן גלײַך צו דער צאָל לענדער, וואָס האָבן אָנגענומען דעם געזעץ. זיי מוזן זײַן אָנערקענטע ספּעציאַליסטן אינעם תּחום פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן. גלײַכצײַטיק, באַטאָנענדיק דעם פּערזענלעכן פֿאַקטאָר, דערקלערט דער געזעץ, אַז די עקספּערטן, וואָס ווערן אײַנגעלאַדן אין קאָמיטעט, מוזן פּועלן אומאָפּהענגיק און ניט באַקומען קיין

אינסטרוקציעס פֿון די רעגירונגען פֿון די באַטראַכטע לענדער.

132. דער מאָניטאָרינג־מעכאַניזם פֿון דער געזעץ־אָנווענדונג פֿונעם עקספּערטן־קאָמיטעט וועט דערמעגלעכן צו זאַמלען אָביעקטיווע אינפֿאָרמאַציע פֿון דער איצטיקער לאַגע פֿון רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן – מיט רעספּעקט צו די צושטימיקע התחייבֿותן פֿון די לענדער.

**שלוס־פֿאַרשרײַבונגען**

133. די שלוס־פֿאַרשרײַבונגען, אײַנגעשלאָסן אין אַרטיקלען 18־23, באַזירן זיך אויף די בײַשפּילן פֿון שלוס־פֿאַרשרײַבונגען פֿאַר קאָנווענציעס און אָפּמאַכן, געשלאָסן אינעם אייראָפּעיִשן ראַט.

134. עס איז באַשלאָסן געוואָרן ניט אײַנצושליסן אין דעם דאָזיקן שלוס־טייל אַ טעריטאָריאַלע פֿאַרשרײַבונג, וואָס דערלויבט די מלוכות אויסצושליסן פֿון דעם געזעץ־פֿאַרנעם אַ טייל פֿון זייערע טעריטאָריעס. די סיבה דערפֿאַר איז, אַז די אימאַנענטע אייגנשאַפֿט פֿון דעם דאָזיקן געזעץ איז זײַן שייכות דווקא צו געוויסע טעריטאָריעס, דהיינו די, ווּ עס ווערן גענוצט רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן. דערצו, לויט אַרטיקל 3, פּאַראַגראַף 1, האָבן שוין די מיטגלידער־לענדער דאָס רעכט, אַליין צו באַשטימען אַ רשימה פֿון די רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן, אויף וועלכע זייערע אויספֿירלעכע התחייבֿותן וועלן חל זײַן.

135. לויט אַרטיקל 21, האָבן די מיטגלידער־לענדער דאָס רעכט אָנצונעמען מיט באַוואָרענישן נאָר פּאַראַגראַפֿן 2-5 פֿונעם אַרטיקל 7 פֿונעם געזעץ. דער עקספּערטן־קאָמיטעט לגבי רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן אין אייראָפּע האָט באַשלאָסן, אַז די מיטגלידער־לענדער מוזן ניט האָבן די מעגלעכקייט צו מאַכן באַוואָרענישן לגבי אַרטיקל 7, פּאַראַגראַף 1, ווײַל דער פּאַראַגראַף שליסט אײַן די צילן און פּרינציפּן פֿונעם געזעץ. לגבי טייל 3 איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אינעם טעקסט, וואָס האָט שוין דערלויבט די מיטגלידער־לענדער אַזאַ גרויסע פֿרײַהייט אין אויסקלײַבן התחייבֿותן, וועלן די באַוואָרענישן זײַן אוממעגלעך.

136. צוליב דער וויכטיקייט פֿון דער טעמע פֿונעם געזעץ פֿאַר מערערע לענדער, וואָס זענען ניט, אָדער נאָך ניט, קיין מיטגלידער פֿונעם אייראָפּעיִשן ראַט, איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, דער געזעץ זאָל זײַן אַן אָפֿענע קאָנווענציע, צו וועלכער קענען זיך מצרף זײַן, לויט אַ פֿאַרבעטונג, אויך די ניט־מיטגלידער־לענדער (אַרטיקל 20).

פֿאַרפֿאַסט פֿון דעם סעקרעטאַריאַט פֿון דעם
איראָפּעיִשן געזעץ לגבי רעגיאָנאַלע אָדער
מינדערהייט־שפּראַכן בשותּפֿות מיטן קאָמוניקאַציע־דירעקטאָראַט.

דער דאָקומענט איז געשאַפֿן געוואָרן מיט דער הילף פֿון געלטער פֿון
אַ בשותּפֿותדיקן פּראָיעקט צווישן דעם אייראָפּעיִשן פֿאַרבאַנד און
דעם אייראָפּעיִשן ראַט.

© בילדער: דער אייראָפּעיִשער ראַט

דער אייראָפּעישער געזעץ לגבי רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן פֿון דעם אייראָפּעישן ראַט איז דער איינציקער אָפּמאַך אויף דער וועלט, וואָס זײַן ציל איז צו באַשיצן און פּראָטעזשירן טראַדיציאָנעלע רעגיאָנאַלע שפּראַכן און שפּראַכן פֿון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דער געזעץ גיט פּינקטלעכע אָנווײַזונגען וועגן דעם, ווי אַזוי די דאָזיקע שפּראַכן זאָלן גענוצט ווערן אין טאָג־טעגלעך פּאָליטיש און געזעלשאַפֿטלעך לעבן.

סעקרעטאַריאַט פֿונעם אייראָפּעישן געזעץ לגבי רעגיאָנאַלע אָדער מינדערהייט־שפּראַכן
אייראָפּעיזשער ראַט

F-67075 Strasbourg Cedex
טעלעפֿאָן־נומער: +33 (0)3 88 41 20 00
minlang@secretariat@coe.int

**www.coe.int/minlang**

YID

דער אייראָפּעישער פֿאַרבאַנד איז דאָס אוניקאַלע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע שותּפֿות צווישן 28 דעמאָקראַטישע אייראָפּעישע לענדער. זײַנע צילן זענען שלום, ווילטאָג און פֿרײַהייט פֿון זײַנע 500 מיליאָן בירגער – אין דער בעסערער און זיכערער וועלט. כּדי צו דערגרייכן זייערע צילן, שאַפֿן די לענדער – מיטגלידער פֿון דעם אייראָפּעישן פֿאַרבאַנד –אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פֿירן אָן מיט דעם אייראָפּעישן פֿאַרבאַנד און נעמען אָן זײַן געזעצגעבונג. די הויפּט־אָרגאַניזאַציעס זענען דער אייראָפּעישער פּאַרלאַמענט (וועלכער שטעלט פֿאָר די אייראָפּעישע תּושבֿים), דער ראַט פֿון דעם אייראָפּעישן פֿאַרבאַנד (וועלכער שטעלט פֿאָר די רעגירונגען פֿון די לענדער) און די אייראָפּעישע קאָמיסיע (וועלכע שטעלט פֿאָר די אינטערעסן פֿון דעם אייראָפּעישן פֿאַרבאַנד אין גאַנצן).

**http://europa.eu**

דער אייראָפּעישער ראַט איז די פֿירנדיקע אָרגאַניזאַציע לגבי מענטשלעכע רעכט אויף דעם קאָנטינענט. ער פֿאַראייניקט 47 מיטגלידער־לענדער, פֿון וועלכע 28 זענען מיטגלידער פֿון דעם אייראָפּעישן פֿאַרבאַנד. אַלע לענדער – מיטגלידער פֿונעם אייראָפּעישן ראַט – האָבן פֿאַרחתמעט די אייראָפּעישע קאָנווענציע לגבי מענטשלעכע רעכט, אַן אָפּמאַך, וואָס זײַן ציל איז צו באַשיצן מענטשלעכע רעכט, דעמאָקראַטיע און די מאַכט פֿון געזעץ. דאָס פֿירן־אין־לעבן פֿון דער קאָנווענציע אין די מיטגלידער־לענדער ווערט נאָכגעקוקט און קאָנטראָלירט פֿונעם אייראָפּעישעו געריכט לגבי מענטשלעכע רעכט.

**www.coe.int**

Рамачная праграма супрацоўніцтва для Арменіі, Азербайджана, Грузіі, Рэспублікі Малдова, Украіны і Беларусі

**Programmatic Cooperation Framework for Armenia, Azerbaijan, Georgia, Republic of Moldova, Ukraine and Belarus**

Funded by the European Union and the Council of Europe

EUROPEAN UNION

COUNCIL OF EUROPE
CONSEIL DE L'EUROPE

Implemented by the Council of Europe